STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04318

LIDER TSU A BRUDER

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ל. און מ. אָליצקי

*

לידער צו אַ ברודער

מײַן פֿרײַנד

ה. װײַנריש און פֿרױ

צו מתנה: 8.27.64

ל.י.

מ. אָליצקי



ברוך אָליצקי אין יאָר 1933, און זיין געלינקטע האַנטשריפט

ל. און מ. אָליצקי

לידער
צו
א ברודער

פארלאג נחמני
ישראל, 1964

L. and M. OLITCKY
Lider cu a bruder

רעדאַגירט: ל. אָליצקי

©

נדפס בישראל, תשכ״ד
Printed in Israel 1964

דפוס „אורלי״, ת״א טל. 32062

דאָס דאָזיקע ביכל ווערט געשטעלט אַ מצבה
אויף די פאַרהוילענע קברים פון די אומגעבראַכטע

שמחה און ברוך ז״ל

מיט זייערע משפחות

פון זייערע געראַטעוועטע ברידער
לייבל און מאַטעס אָליצקי

דאָס ביכל אַנטהאַלט:

א. לידער פון ל. און מ. אָליצקי, דערשינענע אין פאַרשיידענע אויסגאַבן, וועגן זייערע ברידער די קדושים, שמחה און ברוך, זכרונם לברכה.

ב. לידער פון ברוך אָליצקי, וועלכע האָבן זיך אָפּגעפונען שוין נאָכן דערשיינען פון זיין בוך „מיין בלוט איז אויסגעמישט...״ אין יאָר 1951.

ג. אַרויסזאָגונגען וועגן ברוך אָליצקיס שאַפונגען.

ד. משפּחה־בילדער.

...ער איז אַ שטילער און פֿאַרזאָרגטער — לייבל אָליצקי — אַ שוואַרצאָוויגיקער, טי־פּיטשנער פּראָווינץ־ייִד — און אַ ברודער האָט ער, אויך אַ שרייבער — ברוך אָליצקי — אַ טיפּיטשנער, פּראָווינצער ייִדישער קראַסאָוועץ. זיי זיינען זייער ענלעך איינער צום אַנדערן, אָבער דער קראַסאָוועץ איז ברוך.

אַז ער האָט זיך פּאַיאָוועט אין וואַרשע — האָט עס אַזש אַ בליאַסק געטאָן. ווי אַן אָפּשיין פֿון די שיינע וואַרשעווער פּרץ־מאַרקיש־אָרן... אָבער עס איז שוין נישט געווען דאָס — נישט די יונגע יאָרן פֿון דער כאַליאַסטרע.

און לייבל האָט זיך געשראָקן ממש פֿאַר זיין ברודער, ער האָט כסדר געקוקט מיט חשד אויף אים, בשעת זיי זענען ביידע געווען אין שרייבערקלוב צוזאַמען, האָט כסדר געהאַלטן אָנגעשפּיצט די אויערן, אָט, אָט וועט איינפֿאַלן ערגעץ אַ קרעדענץ מיט גלאָזוואַרג — ברוך, וועך דען אויב נישט דער ווילדער ברוך, און ער — לייבל — וועט דאַרפֿן באַצאָלן דעם שאָדן פֿאַרן לאָבוז, און דערצו די שאַנד... און אויך פֿאַר ברוכס גוטע, כאָטש צעלאָזן־ווילדע לידער האָט זיך לייבל כסדר געשראָקן... און זיי זענען טאַקע כסדר געגאַנגען אייגענע וועגן, קיין צפֿון ברוך און קיין דרום לייבל, ווי אין בראשית שטייט.

מלך ראַוויטש

1937

לידידי ל. אוליצקי, שלום רב!

תודה לך על שזכרתני לשלוח לי את ספר השירים של אחיך ברוך אוליצקי „מיין בלוט איז אויסגעמישט". שירך „מיידאַנעק קומט מיר צו חלום" נצטרף בלבי לתמונתו של ברוך הי"ד ולשיריו, שהרבה אהבה בהם — והרבה אמת של אדם טוב.

חן־חן לך מקרב לב על „השי הקדוש".

בידידות **א. שלונסקי**

מיין פֿריינד ל. אָליצקי, שלום רב!

אַ גרויסן דאַנק אייך פֿאַרן געדענקען צו שיקן מיר דאָס לידערבוך פֿון אייער ברודער ברוך אָליצקי „מיין בלוט איז אויסגעמישט". אייער ליד „מיידאַנעק קומט מיר צו חלום" האָט זיך אין מיין האַרץ באַהאַפֿטן מיטן געשטאַלט פֿון ברוכן הי"ד און מיט זיינע לידער, אין וועלכע ס'איז דאָ אַ סך ליבשאַפֿט — און אַ סך אמת פֿון אַ גוטן מענטשן.

אַ שיינעם דאַנק אייך פֿון האַרצן פֿאַר דער „הייליקער מתנה".

מיט פֿריינדשאַפֿט **א. שלאָנסקי**

תל־אביב, פֿעברואַר, 1964.

„הנה מה טוב ומה נעים שבת אחים גם־יחד" (תהלים, קלג, א) —
זע, ווי גוט און ווי ליב איז דאָס זיצן פון ברידער בייגאַנד.

לידער פון ל. אָליצקי



ל. אָליצקי, ברוך אָליצקי
און זיין אומגעקומען „ליכטיק יינגעלע",
זיין בן־יחידל מעכעלע (מוניעלע), הי"ד



שמחה אָליצקי און זיין פרוי בתיה ז"ל —
אומגעקומענע מיט זייערע קינדער:
אסתרל און מאירל, הי"ד

מיין יעדער טראָפּן בלוט...

מיין יעדער טראָפּן בלוט דיך זוכט צערודערט:
ווּ ביסטו, דיכטער, ברוך מיינער, ברודער?
צי שפּילט דער ווילדער ווינט נאָך מיט דיין שויבער
דעם קופּערנעם — דיין בחורישן צויבער?
און צערסט די וועלט מיט גרויע אויגן — פלאַמען,
מיט נייגער און פאַרוווּנדערונג צוזאַמען?
האָט נישט פאַרנעגלט ברוינעם מאָנסטרומס לאַפּע
די יאָרן דיינע, די פיר צענדליק קנאַפּע,
צום האַקנקרייץ? די אָדערן געצויגן?
לאַמטערנס פון שגעון — דיינע אויגן...
צי האָט דיר צוגעשפּילט דעם מזלס פידל:
אַנטרינסט דעם טויט פון אונטער קברס רידל?
די פליכט — געאָרעמט מיט דיין ווילן שטייט זי
און הענגט נקמה־ביקס דיר אויף דער פּלייצע:
„מעג זשאווערן דיין דיכטערישע פּעדער!
מיט בלוט קויף אויס די פרייהייט, גלייך ווי יעדער..."
צי בלוטיקט נישט די וווּנד פון דיינס אָן אבר?
צי ליגסטו אויף אַ שלאַכטפעלד שוין אין קבר?
געבענטשט זאָל זיין דיין פאַלן צו די הייכן,
וווּהין דער דיכטער־רום קאָן קוים דערגרייכן!...
ווּ ביסטו, דיכטער, ברוך מיינער, ברודער?
מיין יעדער טראָפּן בלוט דיך זוכט צערודערט...

באַשקיריע, 1942

מיין ברודער שמחה

טו איך אָן די ברילן אין דער פרי —
ווערט מיר פינצטער אין די אויגן:
ד י י נ ע אויגן — טוט עס מיר אַ ברי —
פּחדים האָבן אויסגעזויגן.

ברענג איך צו די ליפּן זיסע טיי —
ווערט מיר גאַליק אויפן גומען:
ס׳קאָן דאָך זיין, אַז — ווי מיר ווי! —
דו פון דאָרשט ביסט אומגעקומען.

וואַרעמען די ווילִיקעס מיך אָן,
מאַכן פרישער מיך און ייִנגער —
טראַכט איך: דו העגנסט נאַקעט אויסגעטאָן,
באָרוועס גליווערן די פינגער.

גלעט דאָס גאָל־מעסער מיין וועלק געזיכט,
פרישער, ייִנגער עס צו מאַכן —
לאָדט מיר דאָס געוויסן צום געריכט,
הענקער אויף מיין שאַרבן לאַכן:

„ווען דיין יונגער ברודער איז געגאַן
ווילד־באַוואָקסן צו דער תּליה,
גראָ געמאַכט האָט אים איעדער שפּאַן,
יעדער צוק פון זיינע ווִיעס.״

מעסער! שנייד זיך אין מיין האַלדז אַריין —
מיטן בלוט זאָל פּיין אַנטרינען.
ברודער! כ׳טרינק דעם לעצטן בעכער פּיין —
לאָמיר זיך אין טויט געפינען!

מאָסקווע, 1943

מײדאַנעק קומט מיר צו חלום

...עס לויפֿן פֿונעם קאַלעכאַויוון גרויע בלאַסע װעגן,
מיט שחיטה־אַש פֿאַרדעקטע, דורכגעפֿינקלטע מיט גלי.
— װוּ איז אַן אױסװעג? — דורשטיקע זיי פֿרעגן, פֿרעגן, פֿרעגן...
אויף איינעם פֿון די װעגן שלייך איך איינזאַם אין דער פֿרי.

איך ווייס, אַז הייליק איז די מדברדיקע וויסטע ערד דאָ,
און יעדער פֿונק, וואָס שלאָגט אַרויס פֿון אונטער מײַנע טריט,
ווי אויך די הימלען, איבער וועלכע ס׳וואַנדערט איצט אַ טשערדע
פֿון רויכן־קנוילן, — גיי איך דערפֿאַר באָרוועס און געהיט.

אין ווייטן דורכן נעפּל גייט די זון דאָרט אויף אַ רויטע?
צי בלענדט אַרויס אַ לאַווע־פֿלאַם פֿון אַ וווּלקאַניש מויל?
עס שלײַערן אַרויס זיך דאָרט געשפּענסטער... טויטע, טויטע
אַן הויט און לײַב — פֿון אַש און ווייס געביין, פֿון פֿלאַם און גרויל.

זיי זײַנען ווײַט און נאָענט. כ׳האָב אַן געשטאַלטן צו דערקאָנען,
איך שטרעק אויף דלאָניעס אויס מײַן דורשטיק האַרץ צו זיי.
זיי קוקן מיט תּרעומות, און די אויגן־הײלן מאָנען:
— און דו ווו ביסט? — איך ענטפֿער נישט קיין וואָרט פֿאַר שאַנד און וויי.

עס ווירבלט צו מײַן ברודער ברוך, דער צעברויזטער דיכטער,
זײַן ווילדע טשופּרינע — אַ ברענענדיקער סנה אין ווינט:
„פֿון פֿײַן איז שיכּור אונדזער פֿאָלק, און דו... ביסט אַלץ נאָך ניכטער,
און סלינעסט אַלץ, און מעלה־גרהסט אַלץ מיט שורות טינט!

איך האָב געזען אַ גענדזן־פֿעדער פֿון אַ סופֿר ברענען,
אין זײַנע צוקנדיקע פֿאַרמעט־פֿינגער, שטאַר פֿאַרקלעמט; —
צי דו וואָלסט אויכעט מיט אַזאַ מסירת־נפֿש קענען
דײַן דיכטער־פּענע אײַנהאַלטן, און וואָלסט זי נישט פֿאַרשעמט?!"

איך טו אַ פֿאַל אים אויף דער ברוסט. איך וויין אַן קלאַנג, אַן טרערן.
איך צינד זיך אָן. מיר האַלדזן זיך, פֿאַרפֿלאָכטן פֿלאַם אין פֿלאַם.
מיר ווירבלען זיך אַרויף, ווי פֿאַקלען, אין די הויכע ספֿערן —
אַ ליד, וווּ ברודער־האַרץ צו ברודער־האַרץ שלאָגט אויס צום גראַם.

און אונטער אונדז — מיידאַנעק. ס׳ברענט זיין קאַלכאויוון כסדר,
אַ זקן מיט אַ ווייסער באָרד שפּאַצירט אַרום אין פלאַם...
מיר ווייסן בײדע, ווער דאָס איז, געדענקען אים פון חדר:
אברהם, תרחס זון, דער פּאָטער פון ישׂראלס שטאַם.

דאָס פייער נעמט אים נישט, געשיצט פון אַ געהיימען פּאַנצער.
און ס׳ווייסן אַלע וועגן פון מיידאַנעק דאָס געזנוי:
ער וועט אַרויס פון קאַלעכאויוון אומבאַרירט, אַ גאַנצער
און שמייכלען מיט דער בלאָנדער באָרד צום הימלדיקן בלוי...

לאָדזש, ערב ראש־השנה תש״ו

ברוך, ברודער מײנער!

א

סע טרעפט: מיט דיר אויף שטעגלעך גיי איך
שפּאַצירן קעגן שקיעה פאַר דער נאַכט;
באַהעפט מיר ווערן: איך בין אַ מזבח,
און דו — אויף מיר אַ קרבן אויפגעבראַכט...

סע צינגלען פלאַמען פון מזבחס שאַרבן, —
דורך וועמעס אויגן לעקן זיי די ווייט?
דעם קרבנס אין דער אימה פאַרן שטאַרבן?
צי מיינע, וואָס דער טויט האָט זיי פאַרמיידט?

און פּלוצעם... וואָס געשעט? דו ביסט פאַרשוווּנדן?
ביסט נישט מיט פלאַם געווען צו מיר געבונדן?
צי ביסט צוריק אַריין צו זיך אין רו?...

און איך — אַן אויסגעלאָשענער מזבח,
פון דעם שפּאַציר אין שטאָט אַהיים שוין גיי איך
און ווייס נישט, ווער איך בין: צי איך, צי דו?

ב

וואָלט איך זײַן — דו, מײַן ליד וואָלט דאָך געבליצט
און אויסגעשאָלט־צעדונערט זײַן באַגער,
מיט פײַערוועֶרק צום הימלבלוי געשפּריצט
און, ווי אַ גלאָק, געליאַרעמט מיט זײַן טרער...

נאָר אַז מײַן ליד ווײנט אײַנגעהאַלטן־שטיל,
און ס׳הענגט זײַן טרער — אַ לאָגל שווערע רו,
וואָס שטיקט, דערשטיקט ס׳צעצאַפּלטע געפיל, —
איז מ ײ נ ס דאָס ליד... יאָ, איך בין עס, נישט דו!

ווי כאַפּ איך אָן דעם גורל פאַרן קאָפּ
און רײַס און דריי־אים אים אַראָפּ:
— פאַר וואָס האָסטו דערמאָרדעט א י ם, נישט מ י ך?!

סע וואָלט זײַן שטראַלעוודיק־צעשאָלט געדיכט
געצונדן אויף מײַן אומבאַוווּסטן קבר ליכט:
„דאָס אָרט איז הייליק... וואַרפט אַראָפּ די שיך!" — — —

גבעתיים, יוני, 1962

דײַן ליד איז מיר פון דיר געבליבן

א

איז וואָס איז, ברודער, מיר פון דיר געבליבן? —
פון דײַן נשמה־פּלאַטעריש — אַ בוך געזאַנגען,
מיט בלײַ פון מוח אויף פּאַפּיר פאַרשריבן,
זיי זאָלן ווײַט אין דורות זיך דערלאַנגען.

און פון דײַן ערדישקייט — בלויז פּאָטאָ־בילדער:
ווי סודותדיקע קרעניצעס — די אויגן;
דער שטערן מיט דער טשופּרינע דער ווילדער —
אַ פליגל — ווי זי וואָלט אין רוים געפלויגן;

און, לויט די פאָטאָגראַפיעס אויסגעקנעטן,
דיין קאָפּ פון גיפּס, די האָר — געקרויזטע, ווייסע; —
אַ ווייסער שאָטן־קאָפּ, מען קאָן אים גלעטן
און... אַז דו לעבסט נאָך, דאַכטן בעת־מעשה.

ווען כ׳וויש אַראָפּ אַ מאָל פון אים די שטויבן
מיט פלאָטערניש פון זעל, מיט דלאָניע צאַרטער,
וואַכט אויף אין מיין געמיט באַגער און גלויבן:
ס׳וועט באַלד אַן אָטעם טאָן דער גיפּס דער האַרטער.

נאָר ווי מיר! כ׳טו אַ קוק דיר אין די אויגן:
צוויי שטומע, אומעטיקע בעלמעס שטאַרן; —
דער טויט האָט פאַרהענגלעך אויף זיי פאַרצויגן,
און אויף אַ פונק פון בליק — אומזיסט מיין אַרן.

ווי כ׳טו זיך ערשט פאַר אָט די בעלמעס שעמען!
און בלייב אין קלעמענישן שטומע זיצן
מיט שווער־אַראָפּגעלאָזטע שטאַרע ברעמען:
דיין בליק ווו איז מיט זיינע פונקען־בליצן?

איך נעם אין האַנט דיין שיינעם קאָפּ דעם הוילן,
ווו ס׳האָבן שאַפונגס־שטורעמס אויסגעבראָכן,
און פרעג זיך, אַ צעצאַפּלטער, אין גרוילן:
מע האָט דיר די שוואַרצאַפּלען אויסגעשטאָכן?

ב

און איין מאָל: נאַכט; מיך וויגט דער מלאך־חלום;
איך אַן, ער קלייבט זיך שוין אַוועקצושוועבן,
צעשפּרייט די פליגל... לאָזן אים? צי כ׳זאָל אים
פאַרהאַלטן? זאָל ער נאָך אַ חלום וועבן?

...אַ וועלדל פון בעריאָזעס אין מיין צימער,
עס זילבערט די לבנה דורך די צווייגן —
דיין קאָפּ; די אויגן באָדן זיך אין שימער; —
צי וועסטו אייביק צו דיין ברודער שווייגן?

— דו לעבסט ? — דערלאַנג איך צווייפלענדיק דיר שלום
און די שוואַרצאַפּלען זוך אין דיינע אויגן.
דו ענטפערסט שטיל : — איך לעב... ביי דיר אין חלום,
כל־זמן ער איז נאָך נישט אַוועקגעפלויגן.

און פּלוצעם ציט אַ כמאַרע אָן פון ווייטן ;
ביי די בעריאָזעס טונקלען זיך די הויטן ;
די כמאַרעס זאַמלען זיך פון אַלע זייטן,
לבנה ווערט אַ פּנים פון אַ טויטן.

ווי פינצטער ! די בעריאָזעס — שוואַרץ ווי קוילן —
זיך רייכערן אַרויף צום שווערן הימל,
דיין קאָפּ נעמט שווינדלען, ציטערן און גרוילן
און טוט אַ פאַל — אַ דונער אין מיין דרימל — —

איך כאַפּ דיין בוך, אין שרעק, צעשויבערט,
און לייען, וואָס דו האָסט מיט בליץ פאַרשריבן ;
דיין ליד פאַרכאַפּט מיין זעל און זי באַצויבערט, —
דאָס בעסטע, וואָס איז מיר פון דיר געבליבן.

גבעתיים, דעצעמבער, 1962

איך וואָרצל זיך אריין אין לאנד...

א

וואָס טיפער כ׳וואָרצל זיך אַריין אין לאַנד,
און זיינע זאַפטן מינטערן די גלידער,
אַלץ שטאַרקער וואַקסט די ווייטיקדיקע בראַנד
פאַר איבערלעבן איך, אַ, יונגע ברידער.

פאַר וואָס גראָד איך, דער שווייגער און כבד־פה ?
איך קנאָספּענע און בלי, ווי אויפגעצווונגען, —
נישט דו, מיין ברודער, ברוך — גייענדיקער סנה,
וואָס ס׳האָט דיין פלאַם פון זיך אַליין געזונגען ?

סע וואָלט דיין חידוש־בליק זיך דאָ צעפּראַלט
און דורשטיק־הייס די שיינקייטן געשלונגען;
דו וואָלסט דיין האַרץ־גלאָק, בלענד־צעשטראַלט,

אַ וואָרף געטאָן אין רוים, פון פרייד צעשווונגען:
— קלינג־אויף דעם אויפצולהכעיס פון מיין לאַנד:
„מיין פאָלק לעבט אויף פון זיין פאַראַשטן בראַנד!"

ב

פאַר וואָס גראַד איך — אַ זיוווגער פון וואָרט,
וואָס פּאָרלט ווערטער, לידער צו געבערן,
און ווייסט נישט קיין מאָל: ווער זשע דאַרף זיי פּאָרט —
אַ מענטש אויף דרערד? אין הימל אַ צווינקטער שטערן?

פאַר וואָס גראַד איך? — אַ פויגל אָן אַ נעסט,
וואָס היט זיך אויסצובריען נייע דורות,
אָן איידעם ביי אַ הפקר־וועלט אויף קעסט,
אַ פאַרגעניגן־זוכער־אַפּיקורוס.

פאַר וואָס נישט דו, מיין שמחה? וואָס דעם יאָך
פון ברויט פאַר אַלע אונדז די גאַנצע וואָך
אויף דיינע פּלייצעס ווילִיק האָסט געטראָגן,

ווי שפּעטער, ווען דו ווערסט אַליין אַ שטאָם
אין זאָרג פאַר ווייב און קינדער... זאָג, איש־תם,
וועל איך אַ מאָל דיין ערלעכקייט דעריאָגן?

ג

וואָלסט, שמחה, דאָ באַפייכט די ערד אין פרייד
מיט שוויס־טוי פון געפאַלדעוועטן שטערן
און אין דעם איצט געפונען דעם באַשייד
אויף דער פאַרגאַנגענהייט אין פּיין און טרערן.

ס'וואָלט דודס פידל דיך געוועקט פון שלאָף
צו מי אין פעלד מיט תהילימדיקן ניגון,
דערמאָנט אַ מאָל זיך: „אונדזער לייבלס סוף...",
וואָלסט שווער אין זיך אַריינגעטראַכט פאַרשוויגן:

„ס'איז שווער אַוודאי מצדיק זיין דעם דין...
נאָר וואָס?... ער איז אַליין געווען זיך שולדיק:
געווען צו יידישקייט... נו... אומגעדולדיק...

און אפשר... אויך געלייקנט?... פתח־שין!...
ער האָט געבלאָנדזשעט אויף אַ וועג אַ קרומען, —
זאָל האָבן ער ד ע ר מ י ט שוין אָפּגעקומען" — —

ד

פאַר וואָס גראָד איך און, ברוך, נישט דיין קינד? —
אַ ליד פון ריש־מם־חית צעשטראָלטע גלידער,
דיין מעכעלע, אין אומשולד נאָך ווי בלינד,
דאָס וואָרסטע ליד פון אַלע דיינע לידער.

פאַר וואָס נישט מאירל, מיין שמחה? אוי!
אַ נאָמען נאָך דעם שיינעם שטאָלצן זיידן;
דו האָסט אַוועקגעפירט אים צו אַ גוי —
זיין חזיר־שטאַל זאָל זיין אים אַ גן־עדן...

פאַר וואָס נישט אסתרקע?... ווי גרין און בלאָס
ס'איז נישט געווען דיין דאַר־און־קווארע בת־
יחידקע, שוואַך און שטיל, ווי גראָז אין היצן, —

באַצויבערט האָט איר בליק מיט שוואַרצע בליצן — —
פאַר וואָס גראָד איך — דער הוילער קלאָץ,
און נישט פון אייך אַ פרישער שפּראָץ?

ה

„מיר לעבן, ברודער, אין דעם טרויער,
וואָס ריזלט פיינלעך אין דיין ליד;
נאָר יעדעס ליד דיין קאָפּ מאַכט גרויער,
דו ווערסט אַלץ מידער — לעבנסמיד;

„דער הימל איבער אונדז ווערט גרויער
און אונדזער שיין מיט אַש פאַרשיט —
דו וואָלסט פאַרלענגערט אונדזער דויער
מיט פרייד־געשפּריי פון דיין געמיט...

„אַפּילו אין אַ לעצטן ייד
דאָס גאַנצע פאָלק וואָלט זיך פאַרהיט —
דער וואָרצל וואָלט ער זיין פאַר דויער...

איז, ברודער־לעב, פאַרבייג דעם טרויער
און אונדזער דויער זינג מיט פרייד!" —
פון ערגעץ פליסן ברוכס רייד.

ו

— איך שלינג מיט טרייסט און פרייד די טרערן
(געפּאָלגיק, ברוך, דיינע רייד),
ווי לייכטנדיקע פּילן — שטערן;
אין זייער ליכט איך זוך באַשייד,

מיט זייער שיין איך שרייב מיין טענה:
„פאַר וואָס?!" און פיל ווי איר פאַרזייט —
אין מיר פאַרגייסטיקט — ברידער מיינע,
מיין גרוי געמיט מיט קערנער פרייד;

אין מיר, אין איך — אין אונדז אין דרייען
זיי גייען אויף, און זיי געדייען,
און שפּראָצן אויס צעשטראַלט, מיט בלענד.

געהאַלטן פעסט זיך פאַר די הענט,
אין אונדזער אייביק־לאַנד מיר גייען
דורך זאַמד־און־פעלדזן און זיך פרייען...

דיין לעצטער פלי, מיין ברוך

„צו דיין אומבאַקאַנטן פּנים, טויט,
שמייכלען מיינע צוואַנציק יאָר".

ב ר ו ך   אָ ל י צ ק י

א

דו האָסט נאָך יונגלווייז דערוואָרט דעם טויט:
„איך וואַרט אויף דיר, פאַר דיר מיין טיר צעפּראַל איך!"
געזען האָסט זיין געשטאַלט: אַ ווייסער מלאך,
די מילדע אויגן — ליכטיק־העל צעבלויט;

ווי זילבער קעגן זון, זיך לייכט זיין הויט.
„ווי נאָר דו קומסט — אין דיינע אָרעמס פאַל איך,
פון אונטער דיינע פליגל זיך צעשטראַל איך,
אַנטבלויזט פון לעבן מיט זיין גרויער נויט...."

דיין תפילה איז לסוף דערהערט געוואָרן:
ער איז געקומען, ווי דו האָסט געוואָלט,
נאָר נישט, ווי ס'האָט דיין דמיון אים געמאָלט, —

אַן אַשמדאי, וואָס גליט, צעפּאַכט פון צאָרן,
מיט אויסגעשטשירעט־קריצנדיקע ציין — —
אַ פראַסט האָט דורכגענומען דיין געביין.

ב

און האָסט דערשפּירט: אויף דיינע האָר פאַלט אויס אַ שניי!
אין שאַרבן פרירן איין ביז אייז די אויגן;
זיי זוכן בלינדערהייט דעם רעגנבויגן
פון נאָך דעם מבול... וויי צו אונדז, מיין פאָלק, אוי־וויי!

האָט גאָט זיין שבועה נישט דערהאַלטן? אויף דער וועלט
געבראַכט אַ צווייטן מבול־גאָס פון טרערן
און בלוט, פון יידישע? פון קינס שטערן
דעם צייכן אָפּגעווישט: „קאָנסט טאָן, וואָס דיר געפעלט!"?

באַוויז זיך, רעגנבויגן! זאָג דיין עדות... — —
און ס'האָבן אויפגעטויכט פאַר דיר די זיידעס,
וואָס יאָרן האָסט געראַנגלט זיך מיט זיי מיט שפּאָט,

און דיר אַרויפגעהויכט מיט טיפן טרויער
אַ וואַרעמען געשעפּטש אויף גלאָז פון אויער:
„צוזאַמען, זון, קום ראַנגלען זיך מיט גאָט..."

ג

און רב לייב בן שרהס וואָגן
טוט אַ ריס זיך פון דער ערד;
זיינע רויטע שרפים־פערד —
גלייך ווי וויכערס, ווילד צעטראָגן.

איבער אים שוועבט־נאָך די שכינה,
און רב לייב בן שרה טרערט,
דער קאַרלינער כליפּעט: „הערט,
הימלען יאָמערן נגינה..."

ביידע זיידעס: שלמה אהרן,
יעקב מאיר, האַנט ביי האַנט,
שאָקלען מיט די קעפּ ביינאַנד,

אימהדיק די אויגן שטאַרן:
„ברוך, ברוך!... בראָך און שפּאָט, —
העלף אונדז ראַנגלען זיך מיט גאָט..."

גבעתיים, יאַנואַר, 1964

אָ, זייט מיר מוחל, זיידעס!

צוליב דיין טויט — דיר זענען אַלע זינד פאַרגעבן,
וואָס האָסט פאַרבראָכן קעגן דיינע זיידעס, כ'וויס.
אויף וויפל אָבער ביסט אין מיר געבליבן לעבן,
דו קלאַפּסט אין האַרצן זיך על־חטא און שעפּטשעסט הייס:

„זייט מוחל, זיידעס! — כ׳האָב געהאַט אַ בייזן רבין:
דעם קריג; מיין סידור — אותיות בלוט אויף גרויער נויט;
געזען כסדר פאַר די אויגן מעכטיק שוועבן
מיט פליגל שוואַרץ־צעשפּרייטע אויף מיין נעסט דעם טויט...

„איך האָב געחלומט פון אַ וועלט אַ ניי־געבויטער,
וואָס, ווי אַ טרערל פון אַ קינד, איז שיין און לויטער,
און בין אויף אייער הערלעכקייט פאַרבליבן בלינד;

„האָב נישט דערזען: מיין שטרעבונג איז — פון אייך ירושה,
און זיך מיט אייך געראַנגלט הפקרדיק, אָן בושה, —
אָ, זייט מיר מוחל, זיידעס, מיינע בלינדע זינד!...״

גבעתיים, מערץ 1964

אין מחשבות וועגן טויט

טויט — — —
דאָך האָב איך דיך ליב,
ווי ס׳ליבט נאָר אַ יתום,
און טאַנץ דיר אַנטקעגן
מיט פריידיקן כיבוד אויף דלאָנישע טאַצן.
ברוך אליצקי

דער טויט האָט מיט די פליגל איינגעהילט די ברידער,
אויך די שוועסטער פרומע — אויפן היימיש־ליבן בעט;
נאָר אים, וואָס האָט געכוואַליעט מיט געזאַנג און לידער,
פאַרגעסן — אים, מיין ברודער ברוך דעם פּאָעט.

נאָך יונג האָט ער געטאַנצט מיט ליד דעם טויט אַקעגן
און מיט אַ שטראַלן־נעץ זיין מילדן בליק געשלעפּט,
דערוואַרט אים, ווי אַ דאַרשטיק פעלד אַ ברכה־רעגן,
נאָר... נישט דערוואַרט זיך: ס׳האָט דער נאַצי אים געקעפּט. —

עס האָט דער מלאך־טויט פאַראַטן דיך, מיין ברוך,
זאָלסט לערנען (...נישט דעם זיידנס) הונגער־שולחן־ערוך,
און אויסגעמישט, ווי ווייז, זאָל זיין דיין ליד מיט לייד;

אויך מיטן נאַצי אויג־אויף־אויג, דו האָסט געזוכט אים,
אים פירגעהאַלטן מיט דיין פחדים־בליק, געפלוכט אים,
פאַר וואָס ער האָט ביז היינט געקאַרגט פאַר דיר זיין פרייד...

גבעתיים, מערץ 1961

למר ל. אוליצקי הנכבד,

הנני מודה לך מקרב לב על מתנתך היקרה — שירי אחיך ברוך ז״ל.

הנני קורא בספר מתוך פליאה והשתוממות. שירים אמיצים ונועזים. תוכם חזק וצורתם נהדרת.

מוקשים בעיני דרכיו, אך שירתו רבת־כוח.

איפה אחיך מאטיאס? אף הוא מחונן להפליא.

הנני לוחץ את ידך בידידות **א. שטיינמן**

תל־אביב, 19.2.64

גערטער מר ל. אָליצקי,

איך דאַנק אייך האַרציק פאַר אייער טייערער מתנה — די לידער פון אייער ברודער ברוך, ז״ל.

איך לייען דאָס בוך מיט פאַרוווּנדערונג און שטוינונג. קרעפטיקע און געוואַגטע לידער. שטאַרק אין אינהאַלט און פרעכטיק אין דער פאָרעם.

מיר זענען נישט קלאָר זיינע גענג, אָבער זיין געזאַנג איז זייער מעכטיק.

ווו געפינט זיך אייער ברודער מאַטעס? אויך ער איז ווונדערלעך טאַלענטירט.

איך דריק אייער האַנט אין פריינטשאַפט **א. שטיינמאַן**

חשובער ל. אָליצקי,

אַלע אייערע דריי פירושים זיינען פאַראַן אַ ביסל אין דעם זאַץ „מוקשים בעיני דרכיו״, אָבער דער עיקרשט: „נישט קלאָר זיינע גענג״.

אמת איז, מע דאַרף וועלן פאַרשטיין אַ צווייטן, בפרט נאָך אויף צוריקוועגס אַ מהלך פון דרייסיק יאָר. איך וויל דאָס. און דאָך איז מיר שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי אַ יידיש קינד, און אַזוי באַגאַבט, קאָן זיך אַזוי אויסטאָן פון זיין היימישקייט און יידישקייט און זיך איבערגעגעבן דעם פרעמדן און נאָר אים באַזינגען, קיין זכר נישט כמעט צו דעם אייגענעם.

זייט מיר מוחל, פריינד אָליצקי, און זאָל מיר מוחל זיין זיין גוטע און ערלעכע נשמה. איך בין גיט דן לכף חובה. ס׳איז מיר נאָר פאַרדראָסיק.

זייט געגריסט, מיט פריינדשאַפט **א. שטיינמאַן**

תל־אביב, 4.3.64

לידער פון מ. אָליצקי



ברוך אָליצקי, מ. אָליצקי און ל. אָליצקי

*
**

ליבער מאַטעס אַליצקי.

איך דאַנק אייך פון האַרצן פאַר דעם בוך „מיין בלוט איז אויסגעמישט" פון אייער אומגעקומענעם ברודער ברוך אַליצקי. ברוך אַליצקי האָט געהאַט אַ סך טאַלענט. ער האָט פאַרמאָגט אַ שלל פון אימאַזשן. די אימאַזשן זענען ביי אים נאַטירלעכע, פון אַ סך זען. דער „אימאַזשיזם" אָבער ווי אַ שול אין דער פּאָעזיע האָט אין זיין צייט אַ סך שאָדן געטאָן. גרויסע טאַלענטן האָבן זיך פאַרכלינעט מיט אימאַזשן און האָבן געהורבעט אימאַזשן אויף אימאַזשן און האָבן מיט דעם צעטומלט דאָס אויג פונעם לייענער. ווען איך זע וואָס פאַעטן נישט אימאַזשיסטן דערגרייכן אין זייערע לידער אין זעעוודיקייט, נישט לייגנדיק דעם טראָפּ אויף אימאַזשן — זע איך די פאַלשקייט אין דעם אימאַזשיזם, ווי אין אַ מער־כאַנישער בילדלעכקייט.

סיי ווי: דער אימאַזשיזם ווי אַ שול איז אַוועק אין איינעם מיט דער וווּנדערלעכער אויפלעבונג פון אונדזער פּאָעזיע אין פּוילן, אין וועלכער אייער ברודער ברוך אַליצקי שיינט אַרויס, ווי אַ פּאָעט פון גרויסן קאַליבער. כבוד זיין אָנדענק!

אייער **מאַני לייב**

51.10.31 ליבערטי נ. י.

מיין ליבער פריינט, מאַטעס אַליצקי,

נעמט צו מיין פאַרשפּעטיקטן דאַנק פאַר די „לידער און געזאַנגען" פון אייער ברודער ברוך אַליצקי, ע"ה. דאָס בוך האָט מיך שטאַרק גערירט.

מעגלעך, אַז כ'האָב מיט ברוכן געשפּילט שאָך אין די יאָרן 1935־1936, ווען כ'פלעג אָפּט באַזוכן דעם ליטעראַטן־פאַראיין און זוכן אַ שאָך־פּאַרטנער.

דאָס בוך האָט מיך אויך גערירט צוליב דעם, וואָס אויך די אַנדערע צוויי ברידער זיינע — לייב און מאַטעס — האָבן זייערע דיכטערישע בלוטן אויסגעמישט מיט ברוכס. אייער ליד צום ברודער האָט פּייכט געמאַכט מיינע אויגן. דעריבער מיין איך, אַז ס'וואָלט זיך אַ סך מער געפּאַסט, ווען איר באַטיטלט דאָס בוך „אונדזער בלוט איז אויסגעמישט" (אונדזער ברודער־בלוט) אַנשטאָט „מיין בלוט איז אויסגעמישט" („מיטן בלוט פונעם פּשוטן פּויער", וואָס האָט געהאָלפן היטלערן צו פאַרגיסן אויך ברוכס בלוט...). כ'מיין, אַז ברוך אַליין וואָלט געווען איצטער קעגן דעם דאָזיקן טיטל איבער זיינע אָפּגעראַטעוועטע לידער.*

וועגן דעם עצם אינהאַלט פון בוך פאַרשפּאַר איך צו רעדן. ס'איז יעדעס ליד זיינס אַ בלאַט בלוטיקע געשיכטע, און ס'איז זייער גוט, וואָס איר האָט די אַלע בלעטער צונויפגענומען אין איין מצבה־בוך. הלוואי וואָלטן אויך די אַנדערע אומגעקומענע דיכטער זוכה געווען צו אַזאַ ווירדיקן תיקון און תקומה אין אונדזער חורבן־ליטעראַטור.

פאַרבלייבט געזונט און געדאַנקט פאַר אייער מי.

אייער **דניאל טשאַרני**

* דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַרן נאָמען פון דעם בוך איז אויסשליסלעך דער צוזאַמענשטעלער און רעדאַקטאָר פון דעם בוך — ל. אַליצקי. און געגעבן האָב איך אים טאַקע, — פאַרענדיקט מיט דריי פּינטעלעך, וועלכע זענען אַרויסגעפאַלן — מיט דער כוונה פון אַ טראַגישן אויסגעשריי: „זעט, ווי זיי האָבן מיר באַצאָלט פאַר מיין געזאַנג!...". אויב דניאל טשאַרני ז"ל האָט עס נישט אַזוי אויפגענומען — באַדויער איך עס. און איך מיין — קאַפּויער ווי ער — אַז ברוך אַליין וואָלט גראָד אויף דעם נאָמען געגעבן זיין פולע הסכמה...

ל. אַליצקי

לידער צו מיין ברודער ברוך

1

עס דערציילן מיר די וואָלקנס, וואָס זיינען געבליבן:
יעדן טאָג
האָט ער די אויגן אויפֿגעמאַכט פֿאַר אונדז
און אונדז אריינגענומען.
דאָרטן האָבן מיר סיי ליכטיקייט געהאַט,
וואָס מאַכט דעם גוף
מיט זיבן הימלען גרינגער;
סיי טרויער
שווערער פֿון דער ערד.

עס דערציילן מיר די שטערן, וואָס זיינען געבליבן:
יעדע נאַכט
האָט ער אונדז אָנגעשעפּט מיט ברוינע קריגעלעך
פֿון אויגן
און אַריינגעגאָסן אין געמיט.
דאָרטן האָבן מיר געהאַט:
לבֿנהס
ווי גרויסע טרערן,
אָפּגרונטן פֿון נאַכט
און בענקשאַפֿט,
וואָס איז גרעסער נאָך פֿון אונדזערער געווען. —

נאָר קיין מענטש דערציילט מיר גאָרניט וועגן דיר,
ווייל ס׳איז קיינער ניט געבליבן.

2

ביסט קראַנק געווען. —
קראַנק צוליב דער זון, וואָס איז ניט קאַלט געוואָרן,
און מיט פינגער וואַרעמע געגלעט
די קעפּ פון רויבער.

קראַנק צוליבן רעגן:
ער האָט אַראָפּגעוואָרפן בלויע נעצן
אין קאַלוזשעס פון בלוט.

צוליב די שטערן:
זיי זיינען ניט אַראָפּ אויף מערדערס קעפּ,
ווי שטיקער בליי.

און אויכעט צוליב דעם:
עס האָט אַ וועלט, וואָס איז פון זין אַראָפּ,
אויף דיר געשריגן.

ביסט קראַנק געווען.

3

דו האָסט געשאָלטן. —

די שיין פון טאָג,
וואָס איז געווען פאַר דיין ווונדיק לייב,
ווי יאָד.

די פינצטערניש פון נאַכט,
וואָס פלעגט דיך ניט פאַרצערן ביזן סוף
און איבערגעבן זון.

די שלעכטע האַנט,
וואָס האָט דיין גוף אַוועקגעוואָרפן
אין אַ ווינקל פון דער וועלט. —

דו האָסט געשאָלטן. —

4

דו האָסט געזאָגט צו דײַנע שילער:

עס האָט אײַך אָפּגענאַרט די שול.
דער וואַלד איז מיט געוויינען פול,
און ניט מיט לידער.
עס שרייען ניט די בּאָרוועסע קוקאַווקעס
צו דער זון —
דאָס יאָמערן געשאָכטענע די ברידער,
און ס'האַווקען
הפקרדיקע יעגער־הינט.
אַ רויט געוועש צעהאָנגען האָט דער ווינט
פון זעקעלעך
און קינדערישע העמדער —
און ניט קיין וואָלקנס איינגענעצט אין שקיעה.

5

פרעגן דיך די שילער: איז דאָס לערער וואָר,
אַז די ביימער בליען אויכעט הײַנטיקס יאָר,
אַז מיט זיסן האָניק שמעקט דער ווײַסער צוויט —
נאָר בײַ אונדז אין געטאָ וואַקסט קיין גרעזל ניט?

זאָגסטו: טאַקע. דאָס איז ריינע וואָר.
אָפּגעוועלקטע גראָזן זיינען קינדערס האָר.

פרעגן דיך די שילער: איז דאָס לערער אמת:
עס זיינען בלומען דאָ, וואָס הייסן כריזאַנטעמעס,
און זיי זיינען בלייכע, און זיי זיינען צאַרט —
מיר האָבן לאַנג אויף זיי געוואַרט.

זאָגסטו: אמת, טײַערינקע, אמת.
קינדערס בלייכע בעקלעך זיינען כריזאַנטעמעס.

פרעגן דיך די שילער: איז דאָס, לערער, ריכטיק,
אַז אויף י ע נ ע ר זייט איז טאָג נאָך ליכטיק,
און די פייגל שוועבן אין דער הייסער זון —
עס האָט זיך הייַנט בײַ נאַכט געחלומט אונדז דערפון.

זאָגסטו: ריכטיק, ריכטיק. און ביי קינדער ווערן
דלאָניעס ווי די פייגל און זיי טרינקען טרערן.

6

דו האָסט מיט קאָפּ געהאַקט אין צווייגן
פונעם קאַרשנבוים,
ווי אַ פּאַרמשפּטער אין קראַטן,
און נישט געקענט אַריין פון יאָמערדיקן לאַנד
אין לאַנד פון שווייגן.
ס׳איז דאָרטן שטיל און שאָטנדיק און גרין,
ווי ס׳איז געוועזן אַ מאָל אין דיין געמיט.
עס רוען שפּורן באָרוועסע
פון פייגל־טריט
אויף שמאָלע סטעזשקעלעך פון ווינט.
אַ שפּליטער פון אַ ליד
גלאַנצט אויף פּייכטע ליפּן פון די בלעטער
אייגן און באַקאַנט.
האָסטו מיט קאָפּ אין קאַרשנבוים געהאַקט
און נישט געקענט אַריין
אין שטילן לאַנד.

7

די שטיינער זיינען נישט געוואָרן ווייך פון בלוט,
עס זיינען נישט צעגאַן די ווענט פון הייסע טרערן.
אַ גרויסע פּיין האָט דאַן אויף דיר גערוט
און האָסט עקשנותדיק געשוויגן צו די שטערן.

אַן אייביקייט געדויערט די סעקונדע
און ברענגט צוריק דיין קערפּער צו אַ ברעג;
אויסגעקרימטע הימלען ווערן ווידער רונדיק
און שווימען פון די געטאָ־ווענט אַוועק.

ביסט ווידער דאָ מיט אויער און מיט אויג.
עס איז דיין גוף געשפּאַנט מיט נייער גבורה;
עס בענטש די נאַכט דיין יעדן בויג

מיט טרייסטנדיקע ליפּן שטילערהייט.
און אויפצונעמען נאָך אַ מאָל יסורים
ביסטו אַ געהייליקטער שוין ווידער גרייט.

8

דיין דאַרער גוף ליגט תּפילהדיק און ריין
אין ווינקל פון דער אָוונטיקער צעל;
אַ שווערער אָטעם איז געבליבן שטיין
און שווייגט מיט רויטע פלעקן אויף דער שוועל.

דורך פענצטער קוקט אַריין דער האָריזאָנט
מיט פינצטערע און טיפע גריבער;
ער האָט אין דיינע אויגן קוים אַליין דערקאָנט
זיין לעצטן שקיעה־פיבער.

ביסט ווייט אַצינד פון יעטוועדער געפאַר,
ווי ווייט עס איז די וועלט פון דיר,
ווי ווייט עס איז דער צער,

וואָס יאָגט פון דיין פאַרמוטשעטן געביין!
ער מאַכט נאָך בלוטיקער די פלעקן ביי דער טיר
און דיין גוף נאָך מערער ריין.

9

אין דער מינוט איז אַלץ געוואָרן אויפגעלייזט:
דער גאַנג פון צייט,
וואָס האָט ביי דיר אין האַרץ געשלאָגן.
דער רוים, וואָס פלעגט פאַרשווינדן אין דיין אויג
און ווידער זיין.
דער שטרענגער בויג
פון האָריזאָנט, ווי אַ געשלאָסענע פאַרמול.
די רויטע ווונד פון ברענענדיקער שול.
און אויך די פיין —
זי איז געוועזן דיין לעצטע טרייסט.

10

ווען וועלט צו דיר געקומען איז
מיט טריבע הימלען,
מיט טרויעריקע מענטשן אויף די וועגן —
האָסטו די וואָלקנס מיטן בליק געטרייסט,
די שטיינער אָנגערירט מיט בלויזע פינגערשפיצן —
עס זאָל זיי גרינגער זיין.

אויף פאַר מענטשן האָסטו אויפגעמאַכט דאָס האַרץ,
די לידער אויסגעשאָטן,
ווי פאַר הונגעריקע עופות שיט מען קערנער.
צו דיר אין איינזאַמקייט קומט קיינער איצט ניט, קיינער.
די הימלען זיינען ווייט,
אומהיימלעך ווייט —
די וועגן זיינען מיט אַ יאָמערדיק געשריי
פון דיר אַנטלאָפן,
און געלאָזן אַ פאַרשפאַרטן אינעם געטאָ.
אויך די מענטשן שווייגן, ווי פאַרלאָזטע חורבות,
און געפינען ניט קיין וואָרט פאַר דיר.

11

האָסט געזען דיינע שילער נאַקעטע,
אין טייכלעך בלוט.
אַ וואָלקן האָט זיי מיט אַ שאָטן צוגעדעקט
אויף אַ מינוט.
אַ ווינט האָט צאַרט די קעפּעלעך אַ גלעט געטאָן,
און באַלד אַוועק.
די זון האָט צוגעשמייכלט זיי
אַ בלייכן פלעק.
דאַן האָסטו אויסגעטאָן די שיך,
דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט,
און לאַנג אַרומגעקרייזט מיט אָבלדיקע טריט.
דערנאָך ביסטו אַן אומבאַהאָלפענער געבליבן שטיין,
און ס'האָט דאָס בלוט געקוקט אויף דיר —
מיט דיר אַליין.

12

דו האָסט געזען:
בלינדע האָריזאָנטן זײַנען אָפּגעשװוּמען אין דער װײַט
און אויפגעעפֿנט נאַסע גריבער.
אויף כמאַרעדיקע װאַסערן פֿון װײַטיק
שװימט צו זײ אַן אויסגעמאַטערטע די געטאָ.
דער הימל איבער איר — צעבראָכענע געפּעסן,
װאָס גלאַנצן מאַט
אין אָפּגעקילטער זון.
דער מאַרק — מיט שערבלעך, גלאָזװאַרג,
מיט צעהאַקטע שטיקער הימל.
די גאַסן אויסגעטאָן ביז אָפּגעברענטן שטײן
פֿון דעכער,
טויערן
און פֿענצטער. —
זײַנען דײַנע אויגן דאַן געװאָרן זעעװדיקער
צװישן בלינדע האָריזאָנטן.

13

בײַ װעמען איז דײַן ליד געבליבן,
דאָס גרויסע ליד, װאָס האָסט נישט אָנגעשריבן?
איך װעל דאָס זוכן צװישן פֿלאַמען,
װאָס האָבן דיך אין רויטע לײַלעכער געװיקלט.
בײַ װינטן װעל איך פֿרעגן —
זײ האָבן דיך געװיגט אויף אָװנטיקער תּליה,
װי עס װיגט אַ פּיצל קינד אַ מאַמע.
איך װעל מאָנען בײַ די װעגן,
װאָס האָבן דײַנע טריט אַרײַנגעזאַפּט װי שקיעה.

14

איך מײן נאָך אַלץ: דו ביסט נאָך דאָ.
מיט שמאָלן גוף און דאַרע הענט
דו שטײסט פֿאַר בין־השמשות־שעה
פֿאַרמאַכט אין קלאַמערן פֿון װענט.

דו זעסט דעם טאָג, וואָס איז אַוועק,
דו פילסט די נאַכט, וואָס גייט;
און טיף אין דיין געמיט אויף דעק
אַ גרויסע זון פאַרגייט.

טיף אין דיר דער האָריזאָנט
גייט אָפּ מיט שקיעה און מיט וויי;
און צו די אויגן, נאָענט־נאָנט
קומען אָן לבנהס צוויי.

זיי רינען ליכטיקע און קלאָר
אַראָפּ אויף דיינע שמאָלע הענט, —
איך מיין נאָך אַלץ: דו ביסט נאָך דאָ
פאַרמאַכט אין קלאַמערן פון ווענט.

ולא ידע איש

אויף דיין מצבה וואָלט איך אָנגעשריבן:
דורכגייער, דאָ רוט
דאָס רעשטל ביינער פון אַ יונגן מאַן
וואָס האָט געשריבן לידער, ווי ער וואָלט פאַרגיסן
טראָפּנס אייגן בלוט. —
וואָלט איך געשריבן ווען עס איז פאַראַן
דיין קבר.

דאָרט ווו דיינע ביינער ליגן

דאָרט, ווו דיינע ביינער ליגן,
איז פול מיט ערד,
מיט פינצטערניש, מיט זיין אַנטשוויגן.
איך ווייס ניט ווו עס ליגן דיינע ביינער.

דאָך ווייס איך יאָ, אַז איבער זיי,
הויך איבער זיי, און איבער ערד, וואָס איבער זיי,
גייט אָפּט אַ טאָג, אַ וואַרעמער און ריינער,
גייט אָפּט אַ טאָג מיט ריינעם קאַלטן שניי.
און צו דעם מענטש, וואָס גייט פאַרביי, איך ווייס אויך דאָס,
רעדט טריב און טרויעריק דער ווינט אין גראָז:
אומבאַקאַנטער, וואַרט!
דו פילסט די ערד ביי דיינע פיס איז האַרט?
דאָ ליגן ביינער, וואָס זיי דאַרפן דאָ ניט זיין.

פריע פופציק

וואָלסט איצט געווען אין דיינע פריע פופציק,
שמאָל און הויך, איין אַקסל אויפגעהויבן,
די אויגן דיינע וואָלטן ברוין געלויכטן,
און אויף דיין קאָפּ וואָלט די צעטומלטע טשופּרינע זיך געריסן,
ווי אַ שטורעם.
וואָלסט מיט דער לינקער האַנט געשריבן דיינע לידער,
געלייענט זיי צו זיך אַליין
ביים אָוונטיקן שפּיגל.
עס וואָלט דיין האַרץ געציטערט:
אין שפּיגל שווייגן קיילעכדיקע שוואַרצע מיילער,
זיי שלינגען איין די ווייסע סטעליעדיקע שלוה,
די שויב פון גאָלד,
דעם גוטן טיש.
זיי שלינגען איין זיינע פריע פופציק
דעם שיינעם דיכטער.

זומער

טעג האָט ער געהאַט פון גאָלד, נאָר נישט קיין זאַטע.
נעכט פון ריינעם בלויען זייד געשפּינט.
ביי זיין זון איז ער געווען ווי נישט אַ טאַטע,
ביי זיין ווייב איז ער געווען אַ רינד.

ווייל דער ווינט געהאַט האָט פינגער ווייכע,
האָט ער נישט אָנגערירט די האַנט פון פריינד.
ווייל געלויכטן האָט די זון אין הייכן,
נישט געזען האָט ער, אַז אַ פּנים שיינט.

ביבלעך, רעטעכלעך פון אַלע סאָרטן
פאַר אים געוואַקסן זיינען ראָב און ווייס.
די שלאַנקע אוגערקעס אין שכנס גאָרטן
צו אים אַליין געוווּנקען האָבן: רייס!

קיינער ווייס נישט וואָס אים האָט געטראָפן:
אַ וויסטע קויל, צי גאָר אַ תּליה, — ווי! —
זיינע ביינער ליגן ווייס און אָפן,
ווינט און זון און גראָזן איבער זיי.

דיין בילד

אַ סך איז פון דיין פּנים שוין אַוועק. דער שטאָלץ איז דאָ.
נאָך איצט לאָזט די פאַררייסנקייט פון דיינע אויפגעקעמטע האָר
נישט צוגיין נאָענט
און ווי אַ ברודער אַריינקוקן אין דיינע אויגן.
וואָס האָסטו דאַן געזען, אין דער סטודיאָ?
די זון, וואָס איז ווי אַ מאַראַנץ געלעגן אויף דער שויב
און זיך געבעטן: הונגעריקער, נעם מיך?

די טרוקענע לבנה, וואָס איז ווי אַ פֿאַרדאַרטע לימענע,
אַריינגעפֿאַלן אין דער טיי צו דיר?
אָ, וויפֿל אויסטערלישע זאַכן האָבן עס דערציילט
די לידער דיינע!

*

דאָס העמד איז ניי. און ניי איז דער קראַוואַט.
האָסט אָפּגעשפּאָרט זיי פֿון די לערערישע שכירות,
און וויפֿל מאָל קיין פֿרישטיק נישט געגעסן.
האָסט נישט געוואָלט זיך שעמען פֿאַרן ווינט,
וואָס האָט שפּאַצירט אויף טריסקער בריקלעך
אין נייעם אָוונטראָק,
און פֿאַר דעם בלאָנדלעכן אַפּטייקער,
מיט וועמעס טאָכטער האָסט געפֿירט אַ ליבע.

*

אַזוי פֿאַרפּוצט און שיין קאָן נאָר אַ דיכטער זיין.
די אַקסלען אויפֿגעהויבן שאַרף, און אויפֿן פּנים
אַ זיסע מידקייט פֿון אַזויפֿיל יום־טוב:

ווייל צווישן ביימער גליען לעצטע שטיקער רויט
און אַנטקעגן הענגט אַ ליכטיקייט לבנהק.
ווייל קאָמאַרן בייסן חוצפּהדיק די הויט,
און ווינטלעך זיינען מיט דעם שמעק פֿון האָניק.

ווייל קראָמען זיינען צוגעמאַכט אויף שטאַבעס נאַכט,
און זשאַבעס קוואַקען פֿריילעך און צעלאָזן.
ווייל טויבן שלאָפֿן וואַרעם אויפֿן דאַך,
און פֿייערפֿליגן פֿאַלן צווישן גראָזן.

אַזוי פֿאַרפּוצט און שיין ביסטו געווען
לכבוד נאַכט.

די לעצטע זון

נאָר ער אַליין האָט וועגן דעם געוווּסט,
מיין ברודער ברוך:
באַלד וועט די לעצטע זון
נישט זיין.
דערווייל נאָך איז זי ליכטיק, גרויס,
און וואַרעם,
דערווייל נאָך איז זי צווישןביידעביימער
וואָס ביי דעם אַלטנס אוהל;
די בלעטער אָטעמען
איר לעצטן אָטעם.
זיי גלאַנצן גאָלדיק מיט איר לעצטן גלאַנץ.
אָוונטיקע פייגל פליִען אַרום איר אין קרייזן
און הענגען אויס אויף צווייגן
שאָטנדיקע שוואַרצע בענדער.
נאָר ער אַליין האָט וועגן דעם געוווּסט,
מיין ברודער ברוך:
זי וועט שוין קיין מאָל, קיין מאָל מער נישט זיין פאַר אים,
די זון.

אַ קרעמער

אין ווייסע שאַכטלעך שלאָפן שיכלעך פאָרן,
פאַרדעקט מיט ליילעכלעך פון ווייסינקן פאַפּיר.
ער וועקט זיי נישט, ביז עס קומט דער מאָנער,
און שטייט און מאָנט זיי ביי דער סאַמע טיר.

ער נעמט אַראָפּ אַ שאַכטל נאָך אַ שאַכטל;
ווי קינדער וואַרעמע פון ווייכן בעט,
נעמט ער אַרויס די שיך. ער זעט זיי נאַקעט.
ער טוט אַן אָטעם זיי, ער טוט אַ גלעט.

ער זעט די הענט פון קונה: פּרעכע, בייזע,
אויף צאַרטער הויט פון די צעשיידטע שיך.
מיט גלאַנצן זילבער בינדן זיי צום טיש
די פינגער זיינע און פאַרשווינדן גיך.

ער קוקט פאַרלאָרן צו דער פוסטער פּאָלקע:
די פּאָרן שיכלעך האָט ער אַזוי ליב.
און עס נעפּלען זיינע קלאָרע אויגן,
און עס וויינט זיין אויפגעשאַרטע ליפּ.

וויל איך גיין

וויל איך גיין און קויפן זאַכן:
אַ פּאָר שיך, אַ העמד, אַ סוועטער.
כ׳וויל פון דעם אַ פּעקל מאַכן,
שיקן צו מיין ברודער ברוך.
באַלד קומט אָן דער נאַסער וועטער:
זאָלן אים די פיס זיין טרוקן,
זאָל נישט בלאָזן אים אין רוקן, —
איז פאַרברענט מיין ברודער ברוך.

וויל איך גיין און קויפן זאַכן:
מעל און צוקער, אייער־פּודער,
וועט ער זיך אַ מאָלצייט מאַכן
אין זיין אָרעם צימער, ברוך.
וועט אַ שמייכל טאָן מיין ברודער,
וועט מיט יום־טוב טאָן אַ פינקל
אין אַן אויג ביי אים, אין ווינקל, —
איז פאַרברענט מיין ברודער ברוך.

ווייל איך גיין אַ בריוול שרייבן:
ברודער לייבלעכער, געטרייער,
איך האָב אַזוי פיל דיר צו שרייבן
פון דעם לאַנד אַמערקע, ברוך.
פון אַ היים פאַר אונדז אַ נייער,
פון מיין טאָכטערס לאַנגע וויִעס,
פונעם זון מיט דיינע תנועות, —
איז פאַרברענט מיין ברודער ברוך.

צוויי לידער צו מיין ברודער שמחה

1

פירביימלעך

פיר ברידער זיינען מיר געווען.
און פיר געוואַקסן זיינען פלוימענביימלעך
ביי אונדזער שטוב.
דריי זיינען נאָענט אין אַ ריי געשטאַנען,
אַ שפּאַן צו טאָן און זיך אַרומצונעמען.
קיין איינס פון זיי האָט נישט קיין שפּאַן געטאָן.
די זון האָט בוים צו בוים פאַרכאַפּט
מיט דינע שטעך פון גאָלד.
אַ ביימל האָט אַ ביימל אָנגעשמעקט.
קיין איינס פון זיי האָט נישט קיין שפּאַן געטאָן.
צום פערטן ביימל איז געווען
ווייט און טיף.
בלויז די זון אויף הויכע לייכטנדיקע פיס
איז צוגעקומען.
בלויז דער ווינט איז איבער בייטן בלעכענע פון דאַך
געקראָכן אויף דער צווייטער זייט.
דו ביסט געווען דאָס פערטע פלוימענביימל —
שמחה.

2

מיר פֿאַרשעמען דיך

מיר פֿאַרשעמען דיך, מיין ברודער שמחה,
מיר פֿאַרשעמען אַזוי אָפּט דיין נאָמען.
און דעם נאָמען פֿון דיין ווייב און קינדער,
און דיין קראָם אַפֿילו אין דער שורה קראָמען.

מיר שרייבן אַזוי פֿיל פֿון פֿעלדער און פֿון באַנען,
פֿון ברוכן, וואָס האָט געשריבן לידער,
נאָר זעלטן־זעלטן טרעפֿט, אַז מיר דערמאָנען
דיך, דעם וואָכעדיקן פֿון די ברידער.

דו האָסט געשלעפּט פֿון מאַרק די זעק מיט שפּענער,
דו פֿלעגסט אין קראָם די שווערע קאַסטנס הייבן.
אָבער ברוך איז געווען פֿון דיר שענער,
און דער שווינדזוכט האָט געשטראַלט פֿון לייבן.

האָסט קיין מאָל נישט קיין סטראָפֿע אָנגעשריבן,
בלויז נאָך דיין חתונה האָט עמעצער געבראַכט
אַ בריוו פֿון דיר: „איך בין טרויעריק געבליבן,
ווען געלויכטן האָט דער בליצלאָמפּ, און דער פֿידל האָט געלאַכט“.

וואָס פֿאַראַן פֿון דיר איז, פֿון דיין ווייב און קינדער,
איז ערד אין ערד, איז זייער ווייט פֿון דאַנען.
און מיר פֿאַרשעמען דיך, און זי, און זיי
מיט לידער נאַרישע פֿון פֿעלדער און פֿון באַנען.

עס פֿלעגט...

עס פֿלעגט דער ניעמאַן קומען צו דיין טיר,
און וויינען:
עס ליגט דער הימל אַ צעבראָכענער אין מיר,
באַפֿלעקט מיט בלוט.
עס האָבן מורא מיינע פֿיש פֿאַר טויטע קעפּעלעך
פֿון קינדער קליינע —
ווו ביסטו, דיכטער, מיט די לידער שיינע?

עס פלעגט די מאַרשאַלקאָווסקע־גאַס אַריינשפּאַנען אין שטוב
מיט וואַקלדיקע טריט:
ס'איז יעדער הויף געוואָרן איצט אַ גרוב,
און יעדער טויער — אַ מצבה.
עס לויפט דער סיפיליס פון שלעכטס אַרום
אין יעדן גליד —
ווּ ביסטו, דיכטער, מיט דיין שיינעם ליד?

און הינטער זיי —
דיין קינד.
מיט גרויסע אייגעלעך, ווי ברוינע זשוקעס צוויי:
איך בין שוין גרויס געוואָרן, גרויס.
עס איז מיין לייב שוין גוט פאַר קוילן
און פאַר הינט —
ווּ ביסטו, טאַטע, מיט דיין ליד אַצינד?

עס דוכט מיר אָפּט

עס דוכט זיך מיר אָפּט, אַז דאָס ליד וואָס איך שרייב —
ניט מיינס איז עס גאָר.
מיט אַנדערע הויטן, מיט אַנדערן לייב
באַדעק איך עס נאָר.

מיט יאָרן צוריק האָט געפורעמט דאָס ליד
מיין ברודער. אויך ער
האָט אַ לאַנדשאַפט פון שטיינער געהאַט אין געמיט,
און געווען איז אים שווער.

מיין ברודער איז שפּעטער אַ גרינגער אַוועק
אויף קידוש־השם.
און איך שרייב אָן בושה, אָן ציטער, אָן שרעק
מיין נאָמען אויף דעם.

וישם... ואת־רחל ואת־יוסף אחרנים (בראשית לג, ב) —
און ער האָט געשטעלט... און רחלען און יוספן די לעצטע.

אחרון אחרון חביב (רש״י) —
דער לעצטער איז דער באליבסטער.

לידער פון ברוך אָליצקי

ברוך אָליצקי און זיין קוזינע פרומע ז״ל —
אומגעקומען צוזאַמען מיט איר מאַן שלמה קלאָרמאַן
מיט זייערע פיר יינגעלעך

ביאָגראַפֿישע דאַטעס

ברוך אָליצקי איז געבוירן געוואָרן בערך מיט צוויי יאָר נאָך זיין ברודער שמחה — אין יאָר 1907, אין טריסק, וואָלין. אין אַ משכיליש־סוחריש־נגידיש הויז, אָפּשטאַמיק פֿון גרויסן יחוס. האָט געלערנט אין חדרים.

אין יאָר 1918 פֿאַרט ער אַוועק, מחמת גרויסער נויט אין שטוב, קיין ראַטנע צו אַ פֿעטער. דאָרט לערנט ער אין דעם העב־רעיש־ציוניסטישן בית־ספר.

אין יאָר 1920 קערט ער זיך אום קיין טריסק און ווערט אַ לערער ביי אַ יידישער פֿאַמיליע אין אַ נאָענט דאָרף, ביזן יאָר 1923.

אין יאָר 1924 דעביוטירט ער אין אַ יוגנט־זשורנאַל מיטן ליד „כ׳האָב געקושט״, און אין יאָר 1925 ווערט געדרוקט אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, דאָס ליד „מיין בלוט איז אויס־געמישט״, וואָס מאַכט אַ שטאַרקן רושם.

אין יאָר 1928 האָט ער חתונה. ס׳ווערט ביי אים געבוירן אַ יינגעלע — מעכעלע, מוניעלע. צוליב חיונה ווערט ער אַ קרעמער, נאָר קראָמט זיך שנעל אויס.

פֿון יאָר 1930 אַרבעט ער אַלס לערער אין יידיש־וועלטלעכע שולן.

אין יאָר 1934 צעגייט ער זיך מיט דער פֿרוי און פֿאָרט אַרויס קיין וואַרשע, ווו ער ליידט ממש הונגער. דאָ קומט ער זיך צוזאַ־מען מיט אַ געוועזענער שילערין, מרים האַלפּערין. אין יאָר 1936 אַרבעטן זיי אין זשעטל. אין יאָר 1938 — אין לאָדזש.

אין יאָר 1939 אנטלויפֿן זיי פֿאַר די נאַציס קיין ראַטנפּאַר־באַנד. אין דעם שטעטל ליאַכאָוויץ, ווו ער אַרבעט אַלס לערער אין דער יידיש־סאָוויעטישער שול, זענען זיי אומגעקומען. זיין בן־יחיד איז אומגעקומען אין זיין היימשטעטל — טריסק.

אין יאָר 1951 דערשיינט אין ניו־יאָרק זיין איינציק בוך — געזאַמלט און רעדאַקטירט פֿון זיין ברודער ל. אָליצקי: „מיין בלוט איז אויסגעמישט...״.

מיר שטאַמען

קודלעס אויסגעמישט מיט ווינטן,
ברייטע לייוונטענע הויזן,
און די בלוזע אויסגעבונדן
מיט צוויי קוטאַסן, ווי רויזן.

שטיוול אויסגעשמירט מיט טראָנען
און אַ פּאָלקע מיט די מיידן —
ווער קאָן פּרוּוון דאָ דערקאָנען
ברוכן דעם אַלטן זיידן?

אָנגעפּילט איז שוין דער שייער,
אָנגעשטאָפּט מיט שוויס און סנאָפּעס,
און די כאַטקע, ווייסער, נייער,
ווערט צעשפּאַרט פון חברה כלאָפּעס.

פרייד צעפלאַקערט איז אין אויגן,
ווי אין רובקעלע די קינען —
ס'האָט קיין טאַטע נישט דערצויגן,
ס'האָט קיין מאַמע נישט געווונען.

אָן אַ טאַטן, אָן אַ מאַמען
שפּראָצן מיר, פון פעלדער גרינער —
ווער קאָן זאָגן, אַז מיר שטאַמען
פון רב אַהרעלע קאַרלינער?

פון ישיבות און פון קלויזן
צו דעם פעלד און — אויפגעגאַנגען! —
ברייטע לייוונטענע הויזן
און אַ פּאָלקע מיט געזאַנגען.

ברויט

ווען ס'האָט מיין באָבע אויסגעבעטלט דאָס געבעקל ברויט ביי לייטן
און דערלאַנגט מיר, זיך צו ווארגן מיטן ביסן,
האָב איך קאַלט אים צוגענומען און זי אָנגעקוקט,
ווי ס'קוקט מיך אָן דאָס בילד דאָס קויטיקע
פון מיין יונגער, טויטער שוועסטער,
און געשוויגן.

נאָר געפילט האָב איך,
אַז סע פויזעט זיך פון אַ שמאָל שפּאַרונקעלע אַרויס
אויף לאַנגע פיס אַ שפּין
און מאַטערט מיך,
און פייניקט מיך,
און זייגט מיך אויס דאָס בלוט;
און איך — אַ פליג,
פגר ביסלעכווייז, מיט פיסלעך צונויפגעבויגענע,
אין גרויע פעדעם פון אַ פּאַוויטיניע־נעץ...

די שפין האָט געהאַט אַזוינע אייגעלעך,
ווי דיינע, באָבע.

טויט

צו דיין אומבאַקאַנטן פּנים, טויט, שמייכלען מיינע צוואָנציק יאָר,
ווי ס'שמייכלען וואַסער־ליליעס צו מיין געליבטערס בלאַסע באַקן,
און וויקלען זיך אין לעכצנדיקע טאָלן, ווי נזירים,
אויסצוגיין בנשיקה.

איך ליג אין דיינע אָרעמס,
ווי ס'ליגט אין מיינע דער מאַמעס מצבה,
נאָר כ'קאָן דיך נישט דערזען,

כאָטש איך גראָב אין דיר דעם דמיון,
ווי ס׳גראָבט דעם רידל
דער באַגרעבער אין אַ קרקע.
זאָל זיין אין חלום אַפּילו,
אַבי אַנטפּלעק דיין געשטאַלט מיר!
ס׳וועלן מיינע קניען שטיל פּרעפּלען אַ תּפילה.

האָסט אין מיין משפּחה זיך פאַרקליבן,
ווי אַן אָרעמע קרובה,
און פאַרנומען אין פּעקל מיין גאַנץ פאַרמעגן:
דעם טאַטן, די מאַמע, פיר ברידער, אַ שוועסטער.
דאָך האָב איך דיך ליב,
ווי ס׳ליבט נאָר אַ יתום
און טאַנץ דיר אַנטקעגן
מיט פריידיקן כּיבוד אויף דלאָנישע טאַצן.

מאַרוסיא

דיינע באַקן, מאַרוסיע, זיינען רויטער נאָך פון מיינע וווּנדן
אין די ברויזיקע אייפער־מינוטן,
און דיין געלעכטער — רוישיקער פון מיינע בלוטן.

דו האָסט מיך געפאַנגען,
דו האָסט מיך געבונדן.
געזונט איז דיין לאַכן,
מאַרוסיע מיינע.
אַזוי־אַ לאַכן נאָר די טייכן
אין אוקראַינע.

און פאַרוואָרפסטו דיינע בראָנזיקע פינגער אַרום מיינע לענדן —
צאַפּלען מיינע גלידער, ווי די סטרונעס פון דיין מאַנדאָלין.
איך וועל דיך נישט טשעפּען,
איך וועל דיך נישט שענדן.

דיינע אויגן, מאַרוסיע — ווי בלויִק, ווי גרין,
און דיינע ליכטיקע, האַריקע פלאַקסן
קנוילן זיך און פאַלן,
ווי רעגן־פּאַסמעס אָנגעקוואָלענע מיט שטראַלן,
און וואַקסן, און וואַקסן...

טריסק.

והיה באחרית הימים...

אַ מתנה דיר, לייבעלע,
אויב דו וועסט עס איצט נישט פאַרשטיין,
וועסטו עס פאַרשטיין שפּעטער,
ס׳וועט קיין מאָל נישט זיין צו שפּעט.

און זיין וועט עס זיין,
ווען פאַרטיליקט וועט ווערן
דער לעצטער בורזשוי
וואָס דינט צו מאַמאָן,
און האַלטן דעם סצעפּטער אין האַנט
וועט דער פּרינץ מיט דער ליימענער
קרוין אויפן טראָן,
און שפּורן פון רויבערס אין גאַסן, געמאַרקן
וועט אויסלעקן הינטישער לעק,
און צעטראָטן וועט ווערן די לעצטע פאַרשטונקענע טרויב, —
וועט ווערן דאָס מענטשלעכע לייב אַזוי דורכזיכטיק, ריין, ווי אַ שויב,
און אויג וועט דאָרט זעען אַ זון,
אַ דרייעקיקע זון אָן אַ פלעק,
וואָס וועט קיין מאָל נישט אויפגיין פאַרבונדן
דער שטערן מיט כמאַרע־באַנדאַזש,
און קיין מאָל ביי נאַכט נישט אַנטלויפן פון פחד
מיט בלאָנדן צעפלאָכטענעם צאָפּ...
און דאַן וועט מען פלוצעם דערהערן אַ רעש,
נישט געהערט, נישט געקענט,
פון שטאָלן, פון אייזנס וואָס ברעכן

דעם קאַרק און דעם קאָפּ,
פון הרוכוואַרג און שטיקער
וואָס פאַלן אויף רוקן־און־לענד...
ס׳וועט אויפגיין צום הימל
א טומל,
אַ ווימל,
אַ טראַך,
אַ געקראַך,
אַ געקנאַק,
אַ צעהאַק,
און אַ טראַסק,
און אַ בראַזג,
און אַ פּליאַסק,
און אַ בליאַסק
פון שווערדן וואָס בלאַנקען,
פון טאַנקען,
גראַנאַטן,
האַרמאַטן,
פון פּיקעס און ביקס, —
איקס — מיקס — דריקס, —
אַן עק!...

די טרובע, די גרעסטע יחסנית ביי אַלע האַרמאַטן,
אַרויס וועט פון הויט
אַזש אין שרעק,
זיך געבן אַ קייקל, אַ לויף
צו אַ דאַך פון פאַבריק,
נישט דערבויט,
און אַרויף,
און מיט האַרץ,
און מיט שמאַרץ,
און אין פינצטערן אויג אַ פאַרצווייפלטער בליק:
רחמים, רבותי, איר דאַרפט דאָך אַ קוימען,
לאָזט לעבן כאָטש אויף הפקרס באַראַט אין די רוימען!...
גיט פייער און ריס,
שיט רויך און פלאַם,
אַ קאַליקע בעט, אַן לייב און לעבן, אַן הענט און פיס —
ראַטעוועט דעם לעצטן וויסטן גאָרגל פון האַרמאַטן־שטאַם!..."

און שיפן און באַנען וועלן אויסמעסטן די ערד
מיט איין מעסט,
און אַלץ וועט זיין געוווסט, געהערט
ביי זיך אין נעסט. — —

באַן צו עראָפּלאַן:
— פליענדיקער שוואַרצער חברהמאַן,
שלום!
וואָס הערט מען אין רוים?

— עט.
נישט אָנגעכאַפּט ביי עק קאָמעט.
און דו, לויפנדיקער, פּיפּקענדיקער זיידע:
אַ גרוס דער גאַנצער ברידער־עדה:
דעם לאַנגן צאָפּ,
דעם אוקראַינער כלאָפּ,
דער שוואַרצער האָלאָוועשקע־הויט,
און דער שענסטער מויד,
וואָס מעלה־גרהט שוין נישט מאַרקסן און לאַסאַלן...

און טאָג נאָך טאָג וועט שטראַלנדיקער זיך צעשטראַלן,
מיט טויזנט קרעניצעס פון פרייד פאַרקוואַלן
דאָס קעניגרייך פון אַרבעט, פון אַלע פאַר אַלע.
אַ פרעמדע ברוסט וועט זייגן אַ קינד און בענטשן דער מאַמען,
און דאָס קינד וועט בענטשן דעם טאַטן, דער מאַמען
און אַלע צוזאַמען.
און מעכטיק וועט הילכן דאָס פרייע ליד
פון יעדן ריר און גליד,
יעדנס האַרץ — אַ פויק,
אַ גלאָק — איטלעך אויג.
אַז מיטזינגען
און מיטקלינגען
וועט פעלד און וואַלד, פאַבריק און שאַכט בקול־רם —
תּם...

טריסק, וואָלין, 25 אויג. יאָר 1933

אַדיע, וואָלין!

(פון אַ סאָנעטן־ציקל)

אַ שאָטן פון אַן אָדלער, ווי אַ כמאַרע־זעגל, איבער דיר, מיין היים וואָלין!
און ס׳דרימלט שוין נישט הימל איבער זון־קנויט, ווי אַן אַבאַזשור פון שלווהדיקן בלוי;
עס פאַלן שטייער־האָגלען, פייער, לאָזן איבער דיר די וואָרצלען פון דער שטרוי,
און דו — האָסט אויסגעדרייט אַ ברוגזדיקן נאַקן צו דעם רויטן, ליכטיקן באַגין...

מיט פינעף רינגען פענטעט זיך דיין האַנט אויף קוליעס צלמימשע, טשאַכאָטעדיקע־דין,
אויף שיידוועגן, וואָס כליפען, גליך ווי פינגער זקנישע, מיט אומעטיקן גרוי, —
און ס׳פלעכט שוין דיין געדאַנק אויס פעטליעס דיר אין פעלדער אויף אַ בערגל גנוי,
ווען פויערש האָרץ פאַרכלינעט זיך אַ בלוטיקן פאַרכלין.

און איך — כ׳בין מיד אזוי צו דרייען דאָ די רויטע, וועקנדיקע קאַטערינע דיר,
כ׳וויל נישט זען, ווי מיין גלויבן ווערט צעשערבלט, ווי אַ טעפּל, מיט איין שיט,
און טונקען ברויט אין עמערס פיין פון שוואַרצן, טיפן ברונעם פון געמיט, —

אַנטלויפן אין דער וועלט! אַהין, וווּ אויפגעריגלט ס׳איז דער ריגל פון אַ טיר,
זיין צו־ערשט אַ יינגעלע, וואָס קאָן נאָך רעכט נישט גיין, שטעלט פּאַוואָליע טריט
און בלאָנדזשעט הפקר אין אַ היטעלע פון שטויב אויף אַ פרעמדן רוישיקן יאַריד.

יוני, 1934

מיין שטעטל

מיט לעצטע טריט אין דיר, מיין שטעטעלע. מיט לעצטע בליקן איבער גאס און הויז.
אָט איז דאָס צלמל — אַ ראָבל מיט איין פיסל אויפן קלויסטער, און מיט שנאָבעלע אין רוים,
אין רב סראָליק שניידער היט די עפּל מיט די רויטע באַקן אויפן אָפּגעשיטן עפּל־בוים,
און שטאָמלט: „סילדיק איז דאָס לעבל, חס־וסלום, ניסט דאָס סטסורל מיט דער מויז".

ס׳לויזט־אויס די פאות אין בית־מדרש, ווי דער שטייגער, שיקעלע דעם דיינס אין זיין שויס.
אָט גייט מיין לעצטער רבי, איציע, מיט רבינו־תמס אויף קאָפּ, וואָס בלענדט מיט ווייסן שוים,
און קינדער זינגען שוין אין שול אַזוי מין נעילהדיק אַרויס דעם גרויסן טרוים:
„אַרויס צו די הייליקע, ביטערע שלאַכטן, מיט וואָפן אַרויס, צו נצחון — פאַרויס!״

אַ באַנק, אַ פלויטל. אומעטום בליט־אויף אַ שעה פון העלער און פון שוואַרצער פרייד:
דאָ האָט אַ מויד געשאָנקען מאַלינעס פון קריגל, ווען געשלאָפן ס׳איז דער האָן,
און דאָרט אַ צווייטע, אַ דענטיסטין, אָפּגעחתמעט האָט אויף נאָז אַ טיפן בלויען צאָן. —

אַדיע, טוריע! בנאמנות, ליגסט דאָ ווי אַ פאַלע פון אַ צדיקס קיטל אויסגעשפרייט.
אַדיע, אַדיע דיר, ברונעם אונטער קליטשקע, ווי אַ ריזן־זשאַבע אונטער באַטשאַנדיקן פיסק...
מיט לעצטע טריט, מיט לעצטע בליקן איבער דיר, מיין שטעטעלע, מיין טריסק.

יולי, 1934

*

לאָמיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד, מיין ליכטיק יינגעלע —
מיין קינד,
אויפגעגאַנגען פון יענעם זאָמען, וואָס האָט אויסגעצאַפּלט
און זיך אויסגעמישט מיט בלוט אין מאַמעס אויפגעריסן לייב
אויפן אויסגעשפרייטן שאָטנדיקן פאָכער פון אַ בליענדיקן קאַרשנבוים,
ווען אָוונט איז אַרומגעגאַנגען שטיל אָן שיך און זאָקן,
אין אַ גראַנאַטענעם היטל אָן אַ דאַשעק,
און געפּיפּקעט גאָלדן ליולקעלע פון מולד
מיט אַ ווינקל פונעם מויל...

דו טראָגסט די פרייד פון פריי־זיין,
ווי אַ זאַפטיקן מאַראַנץ, אין קאָשיקל פון אויג, —
איז שווער אַזוי צו זיין מיט דיר, ווו שפּע טרייסלט זיבן אייטערס
ביים רייכנס שוועל;
און די וואָס שפּאַנען מיט אַ שטום געשריי אויף לייב,
ווי טונקלע סלופּעס מיט אָפּישן, איבער גאַס
און זעען אויפן לייוונט פונעם דמיונס פילם בלויז

אַ שאָטן פון אַ ברייטל
מיט אַ לאָמפּ, —
טוען נישט מיט אַקסלען די אושאַקן פונעם רייכנס הויז אַ שפּאַר,
נאָר שוועבן אימפּעטיק אָן ווינדעס,
שטילערהייט,
נאָך שטילער פונעם טויט,
אַראָפּ
פון עמעצנס באַלקאָן,
און ס'אָטעמען די נישט־דערלעבטע טעג
לעם קעפּ צענומענע,
ווי הונגעריקע הינט לעם פולע טעפּ מיט הייסער רויטער זופּ...

לאָמיר פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
דו, וואָס טראָגסט די פרייד פון פריי־זיין,
ווי אַ זאַפטיקן מאַראַנץ, אין קאָשיקל פון אויג.

מאַי, 1934

מיין מאַמע

די מאַמע פלעגט מיך האָדעווען מיט ראָזשינקעס, מיט מאַנדלען,
און כליפּען שטיל אַזוי זיך אויף די בלויע אַקסלען פון איר צער:
ברוכל, מיין קינד,
דאָקטוירים און נויט האָבן קיין מאָל נישט געמיטן אונדזער שוועל,
אַ ברודער נאָך אַ ברודער האָט אויסגעצירט מיט האַרץ,
ווי מיט אַ רויטן רובין,
די קרוין פון טויט,
נאָך איידער ס'האָט באַרירט מיט בלאָנדע ליפּן אים די פרייד;
און דו, וואָס האָסט אויפגעבליט,
ווי אַ ליכטיקע וואַזאָנע,
ביי דער טונקעלער שיין פון מיין אָוונטיק לעבן, —
גייסט אַרום אין מיין געמיט
מיט אַ לאָגל מעלאַנכאָליע אונטער אויג.

זאָג,
וואָס זאָל אַ מאַמע טאָן,
ווען ס׳אַנטרינט פון איר די לעצטע טרייסט
און לאָזט איבער אַ משפחה הונגעריקע פּיקהאָלצן אין מוח ?
ס׳וועט קיין מאָל שוין נישט עפענען פאַר מיר קאַיאָר דעם הימל,
ווי אַ בלויען פּאַראַסאָל. — — —

כ׳דערמאָן זיך עס אַצינדערט,
ווען כ׳גיי אַרום אין וועלט
מיט פּיין פון אַלע פעלקער אינעם בלוט,
און ס׳ציטערט יעדעס אָדערל אין מיר,
ווי אַ סטרונע פון אַ זילבערנער גיטאַרע,
שפּילט אויס אַזוי פיל רויטע טרייסט,
אַזוי פיל רויטע טרייסט
צו מאַמעס לויטערע פון טעכטער און פון זין,
וואָס בינדן מיט באַנדאַזשן פון פלאַקאַטן צו
די בלוטנדיקע ווונדן פונעם דור,
און ס׳וייסט די מאַמע נישט דערפון,
ווייל עס שפּראָצט אויף איר געביין שוין גראָז
מיט צאַרטער, בלייכער ליליע־שיין
אין לאַנד פון שטיל־און־שאַ...

אויגוסט, 1934

מיין שוועסטער

טייער זענען איר געווען די לעצטע ווערטער פון דער מאַמען,
ווען ס׳איז צוגעגאַנגען טויט אין קרעפּענע פאַנטאָפל
שטיל צו איר געלעגער:
„דאָס קלאָרע ווייסע ציגעלע געלאָפן איז נאָך ניס
מיט פּאָמעראַנצן,
און געברענגט אונדז טויט מיט אומגליקן צו טראָגן, —
זיי דו אַ מאַמע אַ געטרייע כאָטש צו דיינע ברידער.
זע, זיי גייען אויס, ווי לעבעדיקע חורבות,

און וואַרעמען די שוואַרצע סאָווע פונעם עלנט
אין דער נעסט פון די געמיטער".

ווי נאָר סע איז די ווייסע בעריכע פון בלויען הימל־פּליין אַנטרונען,
און פּראַסטיקער באַגין, מיט ברעמען זילבערנע און וואָנסעס,
האָט אויפגעאָטעמט אין געדיכטן וועלדעלע בעראָזקעס
אויף די שטעטלדיקע שויבן, —
פלעגט איר שאָטן שוין ביי באַליעס וועש זיך וויגן
מיט אָפּגעדעקטע קני ; מיט וואַרעמקייט פון לייב
די פּאָדלאָגעס געריייניקט און געוואַשן ;
און מיר, די ברידער,
האָבן איינגעזאַפּט ביי נאַכט, אין געפּישטשערייַ פון גרילן,
דאָס ווייטיקדיקע קלאָגליד פון איר זעכצניאָריק לעבן :

„...געשרייען פון דאַמען מיט שיינע בראַסלעטן,
ווי מעסערס, פאַרשטאָכן ביי מיר אויפן רוקן,
און ס׳וואַרגט, ווי אַ ביין, מיר דער ביסן אין גומען
אין ווינקל פון קיך, לעבן נאַכט־טאָפּ, —
אוי, דאָליע, מיין פינצטערע דאָליע !
פאַר וואָס האָט שוין אַפילו מיין חלום צעטראָטן
מאַרגאַריטקעס־בוקעטן מיט ראָזע פאַרנאַכטן
און וויזט מיר דעם מינדעסטן פינגער פון רוגז
דורך אָפּענעם לופטשיק פון מיידלשן דמיון ? —
אוי, דאָליע, מיין פינצטערע דאָליע !" — — —
דריי יאָר האָט די שוועסטער,
מיט אַ מויל, ווי אַ שטומער רויטער זיגל פון טריוואָקס,
דערלאַנגט אונדז ברויט, געטונקט אין האָרעוואַניע,
און דערנאָכדעם האָט ברייט געעפנט זיינע טירן דער שפּיטאָל,
געגעבן איר אַ בעט,
אַ דינערין
און אַ קריגעלע אייביקע שלווה...

נאָוועמבער, 1934

שמולעוויזנע *

שוסטערס, באַלעגאַלעס, וואַסערפירערס, בערשטערס און גאַרבאַרעס,
בערד פאַרפּאַפּיקטע מיט לייז, ווי וועוויריקעס, וואָס כאָוועו זיך מיליאָנען און מיליאָסן —
אוי, אוי, עס רייסן מיינע ציינער זיך, ווי קאָמען בליציקע, צו זייערע געדיכטע כמאַרעס,
אויסצוגריזשען גרודעס און אַ שיט טאָן זיי אויף וועלטס צעבליטע גאַסן.

שמולעוויזנע, ביסט אַ שטינקענדיקער לאַבירינט מיט געסעלעך אָן אָנהייבן, אָן סופן,
ביסט די שטאָט פון מצורעים, דיינע שטיבעלעך ווי פוילע, אויסגעבויגענע קלאָזעטן —
ווו איז דער, וואָס האָט דיין נויט געזען, און האָט נאָך צריק אַ שוועל פון היים געטראָפן?
ווו, איז דער, וואָס וועט דאָס האַרץ ניט אויספליקן און, ווי אַ גרויסע רויטע לויז, עס ניט צעטרעטן?

עס שיטן שמייכלענדיקע אינדערפריען אויס מאַראַנצן זוניקע פון בלויע הימל־קאַרבן,
עס וואַרפן לימענעס לבנהקע אַריין די אָונטן צו איטלעכן דורך שויבן —
זאָג, פאַר וואָס, דו, שאַרבנדיקע באַביצע, מיט סטאַרטשנדיקע דעכלעך־האַרבן,
זאָג, פאַר וואָס דו ווילסט מאַראַנצן נישט פאַרזוכן, ווילסט די לימענעס נישט קלייבן?

דיינע ווייבער שטייען אויסגעשטעלט, ווי מילטערס אויפגעשטעלטע, קוואַרע ביי די פּלויטן,
דיינע מיידן גייען אום אין העמדער אויסגעפלעקט מיט רויטע זשאַבקעלעך און קרעצן,
און די קינדער טראָגן טשיריקעס — ווי פליגישע פּאַפּיר־פליגן — אין די הויטן
און שפּרייטן אויס די אויסגעדרייטע וואָרצלענדיקע פיסעלעך און נעצן זיי אין נעצן —

אָ, בערשטערס טייערע, גאַרבאַרעס, וואַסערפירערס, שוסטערס, באַלעגאַלעס,
קאַטאַרזשניקעס הייליקע, וואָס שלעפּן טאַטשקעס, אָנגעטאַסעוועט מיט שטיינערדיקע יאָרן,
ווען ס׳וועט באַגינענדיקער, רויטער האָן באַרירן אייך און וועקן מיט די פליגלדיקע פּאַלעס,
זאָלט איר שמולעוויזנע שטעלן אין אַ פּאַרקן, זי זאָל אייביק בלייבן אַט־אַזוי־אַ לזכרון!

* אָרעמקייט־קוואַרטל אין מעזריטש.

א קארליק

אַ ריזן־קאָפּ אויף אַקסלען פון אַ זויגלינג,
מיט אויגן, ווי מיט מעלאַנכאָליע צוויי אָקטאָבערס.
ס׳איז אים דעק פון טיש אַ דאַך,
די מולטער — ווי אַ רחבותדיקע בעט,
נאָר די שטוב,
די גרויסע, גרויסע שטוב — אַן ענגע שטייג.

שטייט זיך עס מיט אויסגעשפּרייטע הענט
נישט אין פאָרעם פון אַ פּלוס,
נאָר אַ מינוס אין דער לענג
און אַ מינוס אין דער ברייט.

שטייט זיך עס — אַ צלמל
אויפן אייגן נישט דערשטאָרבן לעבן
און אויפן לעבעדיקן טויט.

אַז אויסגעצערטלט האָבן בלאָנדהאָריקע רעגנס
פון פופציק פרילינגען
אַפילו אויך די קראָפּעווע ביי גראָער הויט פון שטיין,
און אים, בלויז אים געוויזן גאָר אַ צונג
פון רעגנבויגנס פארביקע
ביז עק פון האָריזאָנט.

דערפאַר איז גוט ביי נאַכט:
עס וואַקסט כאָטש אויס אַזאַ־אָ לאַנגער שאָטן
און כאַפּט מיט שוואַרצע פינגער אָן דעם הימל,
ווי אַ שלאָפּראָק מיט גילדערנע קנעפּ
פון אַ געליבטער,
וואָס איז אַנטלאָפן ערגעץ־ווו פון עקל און פון שרעק.

זשעטל, 1937

ל. באַיאָן (ברוך אַליצקיס אַ שול־חבר)

דאָס ליד איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן...

אָט שטייט ער נאָך פאַר מיינע אויגן, דער שיינער באַגאַבטער ברוך, מיט דער צעשויבערטער טשופּרינע, מיט די שאַרפע, דורכדרינגענדיקע, אַרויסרופּעריש אויגן, און מיט זיין שטאָלצן גאַנג.

אַ קיילעכיקער יתום איז ברוך געווען, ווען ער איז פון זיין היימשטעטל טריסק אָנגעקומען צו אונדז אין שטעטל ראַטנע, אין יאָר 1918, צו זיינעם אַ פעטער, וואָס האָט אים געדאַרפט אויסהאַלטן און דערציען. מען האָט אָבער כלל נישט אָנגעזען דאָס יתומשאַפט אויף דעם עלפּיאַריקן ברוכן. פאַרקערט, עפּעס אַן אַריסטאָקראַטישער שטאָלץ האָט אַראָפּגעשיינט פון אים, און זיין האַלטונג און זיין אויסערלעכע עלעגאַנץ האָט אים געשטעלט העכער פון אַלע אַרומיקע. מאָדנע, אויסטערליש איז געווען זיין אויפפיר פאַר אונדז, זיינע יוגנט־חברים, וואָס האָבן געלערנט מיט אים צוזאַמען אין דער העברעישער שול. ער האָט עפּעס געטראָגן פאַרבאָרגנס אין זיך, וואָס ער האָט עס קיינעם נישט פאַרטרויט. ער האָט צו פיל געשוויגן, מער געהערט און נאָך מער געחלומט. און אויך אין זיין באַנעמען זיך מיט מענטשן איז געווען עפּעס אָנגעצויגנס. און איבערהויפּט האָט אַלעמען צעטומלט זיינס אַ ספּעציפיש געלעכטערל, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון די טיפענישן פון זיין אינגעווייד. וואָס איז געלעגן אין דעם געלעכטערל? אפשר דאָס, וואָס זיין אויג האָט מערער און בעסער דערבליקט זאַכן ווי אַלע אַרומיקע? אפשר ווייל זיין האַרץ האָט טיפער באַנומען די זאַכן און זיי שטאַרקער דורכגעפילט? אָדער אפשר דאָס, וואָס ער האָט בעסער געקאָנט צונויפבינדן געשעענישן און זיי אָנטאָן אין בילדער? — ווער ווייסט?!

געדענקט זיך איינער אַ זומערדיקער אָוונט. ברוך, שוין אַ בחור פון אַ יאָר זעכצן, איז געקומען צו פאָרן אויף וואַקאַציעס פון זיינער אַ קנעלונג אין אַ דאָרף. זיין קוזינע האָט געמאַכט לכבוד אים אַ ספּעציעלע אויפנאַמע. מיר זענען זיך אַלע צונויפגעקומען, און ברוך האָט פאַר אונדז איבערגעלייענט זיינע אַן ערשטע קינדער־פּאָעמע וועגן אַ ייִנגעלע מ ע נ ד ע ל ע, וואָס האָט געהאַט אַן אייגן פ ע נ ד ע ל ע.

פאַר אונדז, ברוכס חברים, איז די דאָזיקע פּאָעמע געווען אַן איבעראַשונג: פון וואַנען און ווי אַזוי איז דער טאַלאַנט צום שרייבן געקומען צו אונדזער חבר ברוך? האָט עס דאָס דאָרף אַזוי געווירקט אויף אים? און כאָטש קיין גרויסע קונסט האָט נאָך די ערשטע שאַפונג נישט פאַרמאָגט, דאָך האָט זי דערוועקט אין אונדזערע הערצער אַ שטילע קנאה...

די וועגן האָבן זיך צעשיידט. ברוך איז פון אונדז אַוועקגעפאָרן אין דער וועלט אַריין.

מיר האָבן אָבער נאָכגעפּאָלגט זיין גאַנג. אַלע זיינע לידער געלייענט, געפּילפּולט זיך איבער זיי, קריטיקירט און טייל אַפילו אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק. אַט געדענקט זיך אַ ליד, וואָס ברוך האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1924 — צו זיבעצן יאָר — אין אַ יוגנט־זשורנאַל פאַר שרייבער־אָנהייבער: „כ׳האָב געקושט אירע בריסטן, / כ׳האָב געביסן אירע בריסטן, / כ׳האָב זיך געשווּוירן, / אַז איך טו עס אומיסטן, / און אַלץ וואָס איז טייער, / פאַרשוועכן, פאַרוויסטן... / ווייל איך מוז ווערן געבוירן / אַ נייער / אין מיסטן, / אין פייער!״.

דאָס דאָזיקע ליד האָט אונדז איבערראַשט, ווייל עס איז נישט געווען קיין ליד פון אַ לײַדנשאַפטלעכן אויפברויז; עס איז נישט געווען קיין ביליק־פּאָרנאָגראַפיש לידל, נאָר דער שרייבער האָט פון דער דאָזיקער לײַדנשאַפטלעכער טעמע כמעט אויסגעשליפן אַ דיכטערישן קרעדאָ. דאָס יונגע בחורל וויל פאַרברענען זיין פאַרגאַנגענהייט פון אַ בן־טובים, וואָס ציט זיין יחוס פון דער מאַמעס צד פון רב לייב שרהס, און פון דעם טאַטנס צד פון דעם גרויסן רב אהרלע קאַרלינער, און אויפגיין אין אַ נייער מעטאַמאָרפאָזע.

פון דער וויטנס האָבן מיר נאָכגעפאָלגט זיין קינסטלעריש שטייגן און געזען אין אים אַ דיכטער מיט אַ וווּנדערלעכן צוזאָג. עס דרוקן זיך זיינע לידער אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, אין די וויכטיקסטע צייטשריפטן, און יעדעס נײַ ליד איז אַן איבערראַשונג: ווי קרעפטיק איז זיין וואָרט, ווי שאַרף זיין בילד און ווי עכט זענען זיינע פאַרגלייכן און אימאַזשן!

ברוך אַליצקי איז נישט געווען קיין סתם־זינגער. ער האָט אַ קרעדאָ, אַ גלויבן, מיט וועלכן ער טרעפט אונדז אַלעמען אַריין אין דעם געמיט. דאָס וואָס מיר אַלע אָנען אין זיך, דאָס וואָס עס יוירט אין אונדז, קומט אויף אין זיינע לידער. ער איז אונדזער שליח־ציבור. ער זינגט אויס דעם רעוואָלוציאָנערן אימפּעט אונדזערן, וואָס האָט בדעה צו צערייסן די צוימען פון דער טראַדיציע און שאַפן נייעם שטייגער, נייעם אינהאַלט. פון וואַנען אָבער קומט צו אים דער מוט צו רייסן די צוימען און צו פאַרשוועכן הייליקייטן בפומבי? — פרעגן מיר זיך אַליין.

מיר לייענען זיינע לידער און באַוווּנדערן זיינע פעיקייטן אַרויסצוברענגען די דינסטע בענקשאַפט־שטימונגען און דעם אַראָמאַט פון אונדזער לעבן. מיר באַוווּנדערן זיין טיף דורכדרינגעוודיק אויג.

אויך מיר זענען שוין מיד פון האַס און שנאה צו אונדזערע שכנים די אוקראַיִנישע פּויערים, אויך מיר ווילן פאַרגעסן דעם דורותדיקן חשבון, וואָס מיר פירן מיט זיי; מיר ווילן אַפילו פאַרגעסן די גאָר נאָענטע פאַרברעכנס, וואָס זיי זענען קעגן אונדז באַגאַנגען, זייערע רציחות, זייערע פּאָגראָמען איבער אונדז במשך פון די לעצטע מלחמה־יאָרן און נאָך זיי. אָבער דער דיכטער ברוך אַליצקי פאַרלויפט אונדז דעם וועג, ער וואָגט דער ערשטער, ער האָט דעם מוט אויסצוזינגען: „מיין בלוט איז אויסגעמישט מיטן בלוט פון פשוטן פּויער...״

און אַפילו דאָס פאַרהאַסטע גלחל, דאָס געשפּענסט פון אַל דאָס בייז, מיטן קלויסטערל, וואָס פלעגט אויף אונדז אָנוואַרפן אַנוגס־גרוילן און אונדז דערמאָנען מיט זיינע בימי־באַמען די רציחות אויף יידן במשך הונדערטער דורות, — ווערן באַלויכטן דורך זיין

קינסטלעריש־אידעאָלאָגיש געמיט און באַקומען גאָר אַן אַנדער שיין; זיי גיסן זיך צונויף מיט זיינע בענקשאַפט־שטימונגען...

ברוך אָליצקי ווערט דער סאָציאַלער דיכטער, דער רעוואָלוציאָנער־פּאָעט, וואָס מאָנט און רעאַגירט אויף די סאָציאַלע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען לגבי דעם אַרבעטס־מענטשן און קעגן דעם פּויער. ער זעט די דערלייזונג פון דער וועלט נאָר דעמלט, ווען זי וועט זיך אידענטיפיצירן מיט די סאָציאַליסטישע אידעאַלן פון דער אַרבעטערשאַפט און בעיקר מיט דעם פּויערטום און ערדאַרבעטער. אויב סאָציאַל־פּערזענלעך שטעקט נאָך דער דיכטער לגמרי אין דעם יידישלעכן קליינבירגערטום, באַהעפט ער זיך אָבער מיט זיין קינסטלערישער שעפערישקייט אין גאַנצן מיטן פּויער, און ער ווערט זיין זינגער און באַזינגער. זינגט אויס די פרייד און צער פון דעם פּויער, פון זיינע זין און טעכטער, און אַלע זיינע דערלייזערישע האָפענונגען לייגט ער אויך אויף אים.

אמת, נישט אַזוי לייכט קומט עס אים אָן. ער, דער סאָציאַל־באָדנלאָזער דיכטער, קאָן זיך נישט אַזוי לייכט באַפרייען סיי פון זיין אָפּשטאַם און סיי פון זיין קלאַס, אָבער דער דיכטערישער אימאַזש איז ביי אים אַזוי שטאַרק, אַז ער גלייבט באמונה־שלימה אין זיינע קינסטלערישע קרעאַציעס און נעמט זיי אָן ווי וואָרע וואָר: „און איך, אַ קינד פון פאָלק, וואָס שלאָגט קיין שורש נישט אין טיף פון באָדן, / אַ דורכגעפוילטער שפּראָץ פון הייליקן באַשכינהטן רב אהרלע קאַרלינער, / איך האָב מיין בלוט מיט דיינעם אויסגע־מישט און אויפגעגאַן, ווי דו, אַ גרינער, / איך האָב דיין מי פאַרזוכט, און טראָג אַ האַרץ מיט פּויער־פרייד באַלאָדן“.

אין מאָמענטן אָבער פון רעאַליסטישער ניכטערקייט קומט אויף אים דער „גערעאַנגל מיט די זיידעס“ און לאָזט אים נישט צו רו. ער לעבט איבער דעם דאָזיקן גערעאַנגל זייער טיף, און ברענגט אים אַרויס ממש מייסטערהאַפט אין די זעקס סאָנעטן אונטערן נאָמען: „אין גערעאַנגל מיט די זיידעס“.

דעם דיכטער ברוך אָליצקי קומט אויך גאָרנישט אָן אַזוי שווער צו פליען אויף די פליגל פון זיין דיכטערישן דמיון אין אַזעלכע קאָסמאָפּאָליטישע, נאַציאָנאַל־פאַרלייקנדיקע וועלטן, וווהין עס זענען שווער אָנגעקומען אַפילו די שטאַרקסטע היטער פון דער יידיש־סאָוויעטישער ליניע. זיי, די „אנוסים“, האָבן עס געטאָן לויט אַ באַפעל מגבוה, און ברוך פירט זיין פאָלק צו דער עקדה פון זיין פרייען ווילן: „עס האָט אַריינגעטאָגט אַ וואָרע זעונג דורך שפּאַרונע פון מיין דמיונס לאָדן; / דיין קעניגרייך צעשטחט איז, ווערט חשובער, דערהויבענער פון אַלע קעניגרייכן; / די פעלדער מישן זיך מיט בלוט, ווי ס׳מישן טייכן זיך מיט טייכן, / און שטרעקן אויס די אָרעמס זייערע צו שוואַרצע ערדיקע גענאָדן“.

פאַרטיף איך זיך איצט ווידער אין די לידער פון מיין יוגנט־חבר ברוך אָליצקי, פּרווו נאָכפאָלגן זיין דיכטערישן גאַנג, לעב איבער זיינע אימאַזשן און זע — סאַראַ גרויסער דיכטערישער טאַלאַנט ס׳איז פאַרשניטן געוואָרן פאַר דער צייט. דאָס האַרץ ווייטיקט אויף דעם, וואָס דער דיכטערישער פלי איז מיט אַ מאָל אָפּגעשטעלט געוואָרן, און ער זעט נישט, פּונקט ווי מיר, די לעבן־געבליבענע, אַז די גרויסע וועלט־דערלייזערישע אידעען, אויף וועלכע מיר האָבן געלייגט אַזוי פיל האָפענונגען, האָבן אונדז פאַרראַטן;

ווי אַלץ איז אַוועק „ווי פליענדיק שפּינוועבס אין אַ זוניקן טאָג״; ס'איז געווען שיין, אָבער נישט מער ווי שפּינוועבס! דער גלויבן אין דעם „ליכטיקן מאָרגן״, וואָס דער דיכטער האָט אים אויסגעטרוימט, ליגט אַ געשאָכטענער, און צוזאַמען מיט אים — דער פּאָעט־קינסטלער.

ווער ווייסט, ווער עס איז געווען זיין תּלין? אפשר גראָד די אוקראַינישע, אָדער ווייסרוסישע פּויערים, וואָס צו זיי האָט ער געזונגען זיינע אָדעס און געזאַנגען? זיי האָבן דאָך זיינע לידער נישט געלייענט!...

1952

ל. אָליצקי

* * *

די דיכטונג פון ברוך אָליצקי וואַרט נאָך אויף דער געהעריקער פּאַכמענישער ליטעראַריש־וויסנשאַפטלעכער אָפּשאַצונג. היינט צו טאָג איז וועגן איר פאַראַן נישט מער ווי קורצע אַרויסזאָגונגען און רעצענזיעס, גרייכנדיקע — וועלכע בלויז אויבערפלעכלעך, און וועלכע קוים אַ ביסל טיפער. דערפאַר האָט געקאָנט געשען, אַז דער דיכטער ז. וויינפּער זאָל אין זיין רעצענזיע געבן, אויף איין פוס שטייענדיק, אַ פּסקן אָפּ, אַז ברוך אָליצקיס דיכטונג איז — „צוויט״.

„צוויט״? נישט מער? איז דאָך שוין ברוך אָליצקיס ליד, איינס פון די ערשטע, „מיין בלוט איז אויסגעמישט״, אין די „ליטעראַרישע בלעטער״, וואַרשע, 1925, געווען אַ צייטיקע פּרוכט, אויפן שענסטן דיכטונגס־טיש צו סערווירן. אָפּגערעדט פון זיינע שפּעטער געקומענע ברייט־שורהדיקע און טיף־אָטעמענדיקע סאָנעטן־פּאָעמעס, ווי „געזאַנג צו דעם וואָלינער פּויער״ און „אין געראַנגל מיט די זיידעס״. ווי שיקט זיך דאָ רעדן וועגן „צוויט״?!

ברוך אָליצקי איז, ווי די גריכישע געטין אַפראָדיטע, אַרויסגעשפּרונגען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה פון דעם שוים פון דער פּערמענטירנדיקער קליינשטעטלדיקער יידישער יוגנט, דער פאַר אַלעם שיינעם, געררעכטן און הייליקן באַגייסטערטער, — אַ יונגער שיינער גאָט. יאָ, ברוך אָליצקי איז אַריין אין דער דעמלטיקער, רעשיק אויפגעשטורעמטער דיכטונג — אַן אויסגעצייטיקטער דיכטער, אויסגעצייטיקט מיט זיין ברויזנדיקער יוגנט־לעכקייט, מיט זיין קאָכעדיקער ליידנשאַפט פאַר שיינקייט און גערעכטיקייט, מיט זיין שפּעדישן גלי. די רעצענזענטן האָבן דאָס נישט דערזען, אָדער נישט דערשאַצט.

רעצענזיעס, אַפילו ערלעכע, נישט בלויז צוליבן האָנאָראַר, ווערן געשריבן אין איילעניש, אין נידעריקן פלי איבער דער אויבערפלאַך, נישט פרווונדיק אַפילו זיך אַראָפּ־לאָזן אין די טיפענישן פון דיכטערס געמיט, אין דעם לאַבירינט פון זיינע שטימונגען און נשמהדיקע ליידן־און־פריידן; זיי באַמיען זיך נישט אַפילו צו געבן אַ גענויע און פולע אָפּשאַצונג פון דיכטערס קינסטלערישע מיטלען און זיין אייגנטימלעכע מייסטערשאַפט. דער רעצענזיע־שרייבער שטעלט זיך גאָרנישט פון לכתחילה אַזעלכע צילן.

פאַר דער אויבערפלעכלעכקייט פון רעצענזיעס זאָל דינען פאַר אַ ראיה דער פאַקט, וואָס ז. ווײַנפער שילדערט אין זיין רעצענזיע ברוך אַליצקין מיט „צווײ פייערדיקע, שוואַרצע אויגן״, וואָס דאָס שטימט אַזוי מיטן אמת, ווי זיין אָפּשאַצונג, אַז זיין, ברוכס, דיכטונג איז „צוויט״, ווייל די פייערדיקע אויגן זענען גאָר געווען, ווי עס שילדערט זיי נחמן מייזיל, זיין ערשטער און תמיד געטרייער רעדאַקטאָר: „טיפע בלוי־גרויע אויגן״, וועלכע האָבן מאָמענטנווייז באַקומען אַ גרוי־גרינע שאַטירונג; ער האָט אויך נישט געהאַט, ווי ז. ווײַנפער שילדערט, „אַ קויל־שוואַרצע טשופּרינע״, נייערט אַ טונקל־שאַטענע מיט אַ העלן שימער. פאַר וואָר, די ערלעכסטע רעצענזיעס זענען אין בעסטן פאַל — „צוויט״.

אָבער אויך רעצענזיעס זענען איבער ברוך אַליצקיס דיכטונג געשריבן געוואָרן ווייניק. די סיבה: ברוך אַליצקי איז טאַקע אַ סך געדרוקט געוואָרן אין די דעמלטיקע צייטשריפטן, ער האָט אָבער נישט געהאַט דעם ווילן צו זאַמלען די לידער אין אַן אוהל־מועד — אַ בוך, וואָס וואָלט צו יענער צייט זיכער אַרויסגערופן אַ שפע אָפּהאַנד־לונגען. ווער ווייסט? אפשר האָט ער אַליין דעמלט באַטראַכט זיינע שאַפונגען פאַר „צוויט״ — ער אַליין האָט געהאַט רעכט דערויף — און קומען צו דער עפנטלעכקייט מיט אַ בוך האָט ער געוואָלט נישט אַנדערש ווי מיט אַן איבערראַשנדיקן. ער איז שטאַרק געווען איינגעגלייבט אין זיין דיכטערישער גבורה. אויב מיין זכרון נאַרט מיך נישט, האָט ער עס מיר טאַקע אַזוי דערקלערט, ווען כ׳בין צו אים איין מאָל צוגעשטאַנען, ער זאָל עס טאָן. ערשט אין די יאָרן 1938־39 האָט ער זיך געלאָזט איינרעדן, איך זאָל אים אויססדרן אַ בוך פון זיינע געדרוקטע און נישט־געדרוקטע ווערק; ער האָט זיי מיר איבערגעגעבן אין אַ היפּשער צאָל. אָבער דעמלט האָט זיך שוין אָנגערוקט דער שוואַרץ־בלוטיקער שטנדיקער שאָטן פון דער אָנקומענדיקער היטלערישער צווייטער וועלט־מלחמה, און די זאַך איז נישט אַריין אַפילו אין דער פאַזע פון צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק. דער גאַנצער היפּשער מאַטעריאַל איז אָדער ביי מיר, אָדער ביי אים, פאַרטראָגן געוואָרן אין הפקר פון דער מלחמה־בהלה.

גבעתיים, אַפּריל, 1964

ברוך אַליצקי־ביבליאָגראַפיע

צוזאַמענגעשטעלט פון

יעפים ישורין

תל־אביב, 1964

*

ברוך אַליצקיס ווערק אין בוכפאָרם

מיין בלוט איז אויסגעמישט... לידער און געזאַנגען. **רעדאַקטירט פון לייב אַליצקי. איקוף־פאַרלאַג, נ״י, 1951, 160 זייטן.**

לידער וועגן ברוך אַליצקי

אַליצקי, ל.:
מיין יעדער טראָפּן בלוט. מאַידאַנעק קומט מיר צו חלום. **„מיין בלוט איז אויסגעמישט" פון ב. אַליצקי, ז״ז 14, 17.**

אַליצקי, ל.:
מיין יעדער טראָפּן בלוט; מאַידאַנעק קומט מיר צו חלום; ברוך, ברודער מיינער; אין מחשבות וועגן טויט, **„שפּאַרונעס אין הארצן", תל־אביב, 1962, ז״ז 26—30, 85.**

אַליצקי, ל.:
דיין ליד איז מיר פון דיר געבליבן, **„לעצטע נייעס", ת״א.**

אַליצקי, ל.:
איך וואָרצל זיך אַריין אין לאַנד, **„ישראל־שטימע", תל־אביב.**

אַליצקי, מ.:
לידער צו מיין ב. ודער ברוך, **„אין פרעמדן לאַנד", עשוועגע, 1948. ז״ז 5—16.**

אַליצקי, מ.:
צו מיין ברודער. **„מיין בלוט איז אויס־געמישט" פון ב. אַליצקי, ז' 18.**

אַליצקי, מ.:
ולא ידע.

אַליצקי, מ.:
דאָרט ווו דיינע ביינער ליגן.

אַליצקי, מ.:
פריע פּופּציק. **„זיין", העפט 19, נ״י, מערץ 1959, ז״ז 14, 29—30.**

האַראָוויץ, בער:
ברוך אַליצקי. **„דער טאָג", ווילנער, 1935 (?).**

וועגן ברוך אַליצקי אין ביכער

אַנאָנים:
ביאָגראַפישע פאַרצייכענונג. **„ברוך אַליצקי. מיין בלוט איז אויסגעמישט". נ״י, 1951, ז״ז 9—13.**

אַליצקי, ל.:
ברוך אַליצקיס ראַטנער יידע, ר' שלמה אהרון. **„יזכור־בוך, ראַטנע". אַרויס־געגעבן דורך די ראַטנער לאַנדסלייט־פאַראיינען אין אַרגענטינע און צפון־אַמעריקע. ב״א, 1954, ז״ז 326—332.**

ב. ע. ב.:
ברוך אַליצקי. **„לערער־יזכור־בוך", די אומגעקומענע לערער פון ציש״אָ־שולן אין פּוילן. נ״י, 1954, ז״ז 15—16.**

האַרץ, י.:
„אין אונדזער דור". ב״א, 1949, ז' 12.

העלער, בינעם:
„דאָס ליד איז געבליבן". אַנטאָלאָגיע. וואַרשע, 1951, ז״ז 5, 21—32.

ווײנפער, ז.:
ברוך אָליצקי. „ברוך אָליצקי. מײן בלוט איז אויסגעמישט". נ"י, 1951, ז"ז 150—156.

ווײנפער, ז.:
„שרײבער און קינסטלער". נ"י, 1958, ז"ז 252, 271—277.

מײזיל, נחמן:
דער האָפערדיקער ברוך אָליצקי. „ברוך אָליצקי. מײן בלוט איז אויסגעמישט". נ"י, 1951, ז"ז 157—160.

מײזיל, נחמן:
וואוקס און נאָכוואוקס פון קולטור־שעפעריש כוחות. „געווען אַמאָל אַ לעבן". ב"א, 1951, ז' 257.

מײזיל, נחמן:
אַמעריקע אין יידישן וואָרט. יידישע קולטור, ניו־יאָרק, 1955.

מײזיל, נחמן:
ברוך אָליצקי. „נאָענטע און אײגענע", נ"י, ז"ז 342—347.

מעסטל, יעקב:
ברוך אָליצקי. „ליטעראַטור און טעאַטער", איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1962, ז"ז 206—214.

פאַנער, י. און פרענקעל, א.:
נײע יידישע דיכטונג, פ"ל יידישער קולטור־קרײז פון רומעניע, י. ל. פרץ. יאַס, 1947, ז"ז 7—8.

וועגן ב. אָליצקי אין צײטונגען און זשורנאַלן

אָליצקי, ל.:
וועגן ב. אָליצקיס „מײן בלוט איז אויסגעמישט". „יידישע שריפטן", וואַרשע, 1952, נומ. 1 (57).

אָליצקי, ל.:
ברוך אָליצקיס ראַטנער זיידע ר' שלמה אהרון. „יידישע שריפטן", וואַרשע, 1952, נומ. 1 און „יידישע קולטור", נ"י, מערץ 1953, ז"ז 35—38.

באַיאַן, ל.:
לידער פון ברוך אָליצקי. „פאָרויס", מעקסיקע. גענויע דאַטע אומבאַקאַנט.

באַיאַן, ל.:
און דאָס ליד איז איבערגעהאַקט געוואָרן אין מיטן... „פאָרויס", מעקסיקע, 15 סעפט., 1952, ז"ז 7—8.

באַיאַן, ל.:
דאָס יידישע לעבן אין ר"פ און די ייד. ליטעראַטור. „פאָרויס", מעקסיקע. דעצ. 1961.

באַשעוויס, י.:
אַרום דער יידישער ליטעראַטור. „צוקונפט", נ"י, אויג. 1943, ז' 470.

בודד, א.:
אין פרעמדן לאַנד (דערמאָנט ב. אָליצקי). „אידישע צײטונג", לאַנדסבערג, 1948.

ביק, אברהם:
ברוך אָליצקי — וואָלינער דיכטער־מאַרטירער. „מאָרגן־פרײהײט", נ"י, אָקט. 14, 1951.

ביק, אברהם:
ברוך אָליצקי — וואָלינער דיכטער־מאַרטירער. „פרײוועלט", מעקסיקע, נאָוו. 2, 1951.

בײלין, י. ב.:
נאָענטע און אײגענע דאַרפן אונדז ווערן אײגן און נאָענט. „זאַמלונגען", 14, ווינטער, 1958, ז' 76.

גאָלדקאָרן, י.:
על נהרות בײערן. „באַפרײאונג", מינכן, 1946.

גלאַטשטײן, יעקב:
פראָסט און פשוט. וועגן מענטשנפרעסער. „מאָרגן־זשורנאַל", נ"י, פעב. 1, 1950.

גלאַטשטײן, יעקב:
פראָסט און פשוט. „מאָרגן־זשורנאַל", נ"י, 1954.

גלאַטשטײן, יעקב:
וואַרשעווער ישראל־לידער. „אידישער קעמפער", נ"י, אַפּריל, 1961.

גרין, בער:
אַ מאָנענדיקע שטים פון אַ היימלאָזן

ייִדן. „מאָרגן־פרײַהייט", נ"י, דעצ.
1943.

האָרן, י.:
„שבט" גאַליציע אין אידישן ליד.
„אידישע צייטונג", ב"א, אויג. 31, 1953.

האָרן, י.:
שרײַבער־פאַמיליעס. „אידישע צייטונג",
ב"א, אויג. 8, 1961.

האָרן, י.:
דריי ברידער־דיכטער. „אידישע צײַ־
טונג", ב"א, סעפט. 22, 1964.

וויניעצקי, י.:
אויף די וועגן פון קידוש־השם. „די
שטימע", מעקסיקע, יולי 30, 1955.

וויינפער, ז.:
ל. אָליצקיס „דאָדיע קאָוואַל". „יידישע
שריפטן", וואַרשע, נומ. 55, (121), ז' 6.

וויינפער, ז.:
ברוך אָליצקי (צום דערשיינען פון זיין
בוך לידער). „יידישע קולטור", נ"י,
1949, ז"ז 36—38.

וויינפער, ז.:
ברוך אָליצקי. „יידישע קולטור", נ"י,
אָקט. 1951, ז' 49.

וויינפער, ז.:
מענטשן און ביכער. „יידישע קולטור",
נ"י, נאָוו. 1955.

וויינפער, ז.:
ל. אָליצקי. „יידישע קולטור", נ"י, פעב.
1957.

זילבערמאַן, יוסף:
מ. אָליצקי: אין פרעמדן לאַנד. דערמאָנט
ב. אָליצקי. ווו און ווען געדרוקט אומ־
באַקאַנט. „אויף דער וואַך", מינכן, 1948.

זשיד, מאַריאַן:
ב. אָליצקי. „פאָרווערטס", נ"י, 1947 (?).

זינגער, ש. ד.:
וועגן שרייבער און ביכער. „אונדזער
וועג", נ"י, יוני־יולי, 1963.

טאַבאַטשניק, א.:
וועגן פיר פאָעטן: יצחק מאָרגענשטערן,
מ. אָליצקי, לייב וואַסערמאַן און מ. ראַ־
טענבערג. „וואָגשאָל", נומ. 2, נ"י, אַפּר.־
יוני, 1959, ז"ז 67—68.

טשאַרני, דניאל:
וועגן דיכטערישן אָנוווקס פון רוסלאַנד,
ליטע און פוילן. „ליטעראַרישע בלעטער",
נומ. 312, וואַרשע, אַפּר. 25, 1930, ז"ז
304—305.

לאַסטיק, שלמה:
וועגן פאָעטן, וואָס זיינען אונדז פאַר־
בליבן. „די פרייע יוגנט", לאָדזש, מאַי־
יוני, 1947, ז' 13.

לייוויק, ה.:
פאָעטן פרידזיוניקעס. „ליטעראַרישע בלע־
טער", וואַרשע, מאַי, 1930, ז' 335.

מינקאָוו, נ. ב.:
אונדזער חורבן־ליטעראַטור. „צוקונפט",
נ"י, אַפּריל, 1958.

מייזיל, נחמן:
די יידישע וואַרשע. „יידישע קולטור",
נ"י, מאַי, 1944, ז' 25.

מייזיל, נחמן:
ברוך אָליצקי. „וואָכנבלאַט", טאָראָנטאָ,
אויג. 2, 1951.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער ליטעראַטור".
„יידישע קולטור", נ"י, דעצ. 1954, ז' 16.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער ליטעראַטור".
„יידישע קולטור", נ"י, פעב. 1955, ז"ז
9, 12.

מייזיל, נחמן:
אַנטאָלאָגיעס פון יידישער פאָעזיע.
„צוריקבליקן און פערספעקטיוון", אי־
קוף־פאַרלאַג, נ"י, 1962, ז"ז 374, 390,
913.

מעסטל, יעקב:
אַ קליין ביכל פון אַ גרויסן פאָעט. „מיין
בלוט איז אויסגעמישט" פון ברוך אָליצ־
קי. „יידישע קולטור", נ"י, יאַנ. 1952,
ז"ז 40—43.

מעסטל, יעקב:
ז. וויינפערס „שרייבער און קינסטלער".
„יידישע קולטור", נ"י, מאַי, 1959,
ז' 34.

ניגער, ש.:
פון אַ לעזערס און אַ שרייבערס נאָטיץ־
בוך. „דער טאָג", נ"י, אָקט. 24, 1927.

ספאַרד דוד:
„יידישע שריפטן", **וואַרשע**, 1952, נומ. 3 (59).

עמיאַט, י.:
פריילעכע טעג. „**פרייע אַרבעטער־שטימע**", נ"י, סעפט. 1963.

פוקס, ח. ל.:
לאָדזשער ליטעראַרישע אומגעגנט „**פון נאָענטן עבר**", **באַנד דריי**, נ"י, 1957, ז' 264.

פוקס, ח. ל.:
בייזוויליקייט, שקר און נאַרישקייט. „**פרייע אַרבעטער־שטימע**", נ"י **אַפּריל**, 15, 1959, ז' 7.

ראַוויטש, מלך:
יאָרבוך 1949—1950. ז' קח— **אַכטער באַנד. ווו און ווען געדרוקט אומבאַקאַנט.**

רייזען, אברהם:
אידישע שריפטן. „**די פעדער**", נ"י, 1949, ז"ז 191—192.

שטערן, שלום:
לידער צום פויער. ברוך אַליצקי „מיין בלוט איז אויסגעמישט". „**וואָכנבלאַט**", **טאָראָנטאָ, נאָוו.** 1, 1951.

שטערן, שלום:
דאָס אָפּגעראַטעוועטע ליד דערמאָנט. „**וואָכנבלאַט**", **טאָראָנטאָ, יוני** 12, 1952.

שטערן, שלום:
אַן אינהאַלטסרייכער נומער פון אַ פּיי־נעם זשורנאַל. „**וואָכנבלאַט**", **טאָראָנטאָ, אויג.** 21, 1952.

שפיגל, י.:
דאָס יידישע נע־ונד־ליד אויף דייטשער ערד. „**דאָס נייע לעבן**", **וואַרשע**, 1948. **גענויע דאַטע אומבאַקאַנט.**

נאָטיצן וועגן ב. אַליצקי

„יידישע שריפטן"
וואַרשע, 1952, נומ. 3 (59)

אַליצקי, ל.:
„**יידישע שריפטן**", **וואַרשע** 1958, נומ. 10 (137), ז' 8.

„**ווייטער**",
נומ. 19, נ"י, יולי־אויג. 1957, ז' 42.

„יידישע שריפטן",
נומ. 11 (126), **וואַרשע**, **נאָוו.** 1957, ז' 4.

„קדושים"",
לידער פון פאַרפייניקטע מחברים. **קונסט־פאַרלאַג, נ"י, תש"ח — 1947.**

וועגן ב. אַליצקי אין לעקסיקאָנען, אַלמאַנאַכן, פנקסים, אַנטאָלאָגיעס און ביבליאָגראַפישע פּובליקאַציעס

העלער, בינעם:
„**דאָס ליד איז געבליבן**". **אַנטאָלאָגיע. וואַרשע**, 1951, ז"ז 31—32.

מאַרק, בער:
צווישן לעבן און טויט. „**איקוף־אַלמאַנאַך**", נ"י, 1961, ז' 65.

פינקעלשטיין, לעאָ:
„**פּנקס פּוילן**". ז' 345.

ראַוויטש, מלך:
לייבל אַליצקי. „**מיין לעקסיקאָן**", **מאָנ־טרעאַל, קאַנאַדע**, 1945, ז. 24.
ביבליאָגראַפישע יאָרביכער פון

ייוואָ:
1— 1926. פאַרלאַג קולטור־ליגע, וואַר־שע, 1928, ז' 209. ברוך אַליצקי.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור:
ערשטער באַנד, נ"י, 1956, ברוך אַליצקי.

LEFTWICH, JOSEPH:
The Golden Peacock. A World-wide Treasury of Yiddiszh Poetry. New York, London, 1961. P. 503—506.